Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

Najer Folksblat — פרייז 20 גראשען — היינט 8 זייטען

לאָדזשער פאָלקסבלאַט

אומפּאַרטייאישע פּאָליטיש-געזעלשאַפטליכע טאָג-צייטונג

Nr. 212 (1207 | Łódź, Niedziela 11 Września 1927 | סינטמער יאָהרגאַנג | לאָדז, זונטאג, י"ד אלול תרפ"ז. | Nr. 212 (1507

דרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 24-71. | Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, Tel. 24,71.

בראַכ פון די יודישע ווירטשאַפטליכע אינסטיטוציעס.

היינט, זונטאג, 4 א זייגער נאָכמיטאָג קומט פאָר אין ענגלישעס זאַל (אלעע 1. מאַי 2)

אוואַרך-מיטינג

וועגן די פאָרשטעהענדע וואַהלען צום שטאָט-ראַט.

אַלע פאַבריקאַנטען, סוחרים, האַנדווערקער און קליינהענדלער, מוזען אונבעדינגט קומען!

862 דער וואַהל-קאָמיטעט.

אויפרוף

צו אַלע סוחרים, פאַבריקאַנטען, האַנדווערקער און קליינהענדלער!!!

מיר אונטערגעשריבענע פאָרשטעהער פון די לאָדזשער ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס פאָדערן אייך אויף צו קומען מאַסענווייז היינט, זונטאג, 4 א זייגער נאָכמיטאָג אין ענגלישען זאַל (אַלעע 1-טער מאַי 2), וואו עס וועט פאָרקומען

א גרויסער מיטינג

פון אַלע ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס וועגען די קומענדיגע שטאָט-ראַט-וואַהלען.

געדענקט, אַז עס האַנדעלט זיך וועגען אייערע אייגענע אינטערעסען, און דעריבער איז אייער קומען אונבעדינגט נויטיג.

882

צענטראַלער סוחרים-פעראיין, פּעטריקאָווער 10,
סוחרים-פעראיין, פּעטריקאָווער 73,
צענטר. האַנדווערקער-פערבאַנד, פּאָלודניאָווע 4,
סוחרים-פעראיין, פּאָלודניאָווע 15,
קליינהענדלער-פעראיין, אָגראָדאָווע 10,
קאָלאָניאַל-הענדלער-פעראיין, ציגעל-גאַס 15,
פאַבריקאַנטען-פערבאַנד, זאַכאָדניאַ 68,
פעראיין פון געמיזע-הענדלער, זגערושער 28,
לאָדזער פיש-סוחרים-פעראיין, פּאָמאָרסקאַ 18
און אַלע הענדלער'ס פון גייערס מאַרק און כאַינע.

הזכרה.

היינט, זונטאג, ד. 11 סעפּטעמבער 11.30 פאָרמיטאָג קומט פאָר אין פעראיינס לאָקאַל ציגעל-גאַס 53 א הזכרה נאָך דער פרוי

שרה ז"ל

פון אונזער לאַנגיאָהריגען פאָרשטאַנדס-מיטגליד שלמה ליב ארבאַך ז"ל, צו וועלכער אַלע קרובים, פריינד און בעקאַנטע, ווי אויך מיטגלידער ווערען געבעטען פינקטליך צו ערשיינען.

די פערוואַלטונג פון „לינת הצדק".

878

גוצט אויס די געלעגענהייט!

צום אָנהויב פון סעזאָן האָב איך פערקלענערט אַלע פרייזען פון זייף, פודער, פּערפומען, קרעמען אין און אויסלענדישע.

בעמערקונג: פודער קאָטי 2,85 פאַר א שאַכטעל

פאַר אָריגינאַל גאַראַנטירט מיט 500 זל. מיט אַכטונג 889

S. BUCHWAJC

Łòdź, Piotrkowska 22, tel. 31-43.

„תומכי אורחים", פּאָמאָרסקאַ 18.

היינט, זונטאג ד. 11 סעפּטעמבער ר.י. 4 נאָכמ. קומט פאָר אין פעראיינס-לאָקאַל

די ערשטע יעהרליכע

גענעראַל-פערזאַמלונג

מיט פאָלגענדער טאָג-אָרדנונג: 1) ערעפנונג, 2) וואַהלען פון א פּרעזידענט, 3) בעריכט פון דער פערוואַלטונג 4) בעריכט פון דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע, 5) וואַהלען פון א פערוואַלטונג און רעוויזיאָנס-קאָמיסיע. 6) סטאַטוטען-ענדערונג, 7) בעשטעטיגען א בודזשעט אויף 1928 און 8) פאַרשידענעס.

בעמערקונג: לויט פּאַראַגר. 2 פון די סטאַטוטען וועט ביי א נישט גענוגענדע צאָהל מיטגלידער פאָרקומען די פערזאַמלונג צום צווייטען טערמין דעם זעלבען טאָג פּינקטליך 6 אָווענד.

לויט פּאַראַגר. 17b און 19/p3 וועלען צו דער פערזאַמלונג צוגעלאָזט ווערען נאָר די מיטגלידער וואָס צאָהלען מאָנאַטס בייטראָג.

866

קיין ספּעציעלע איינלאַדונגען ווערען נישט געשיקט.

מיט אַכטונג די פערוואַלטונג.

קאַפע-רעסטאָראַן

„בריסטאָל"

פּעטריקאָווער 30, טעלעפאָן 25-91.

איך עמפעהל דעם געעהרטען פובליקום די גוטע בעקאַנטע טעה, ווי אויך קאַפע צו ערמעסיגטע פרייזען:

1 גלאָז טעה . . . . 25 גר.
1/2 „ שוואַרצע קאַפע . . . . . . 25 גר.
1 „ ווייסע אָדער שוואַרצע קאַפע 50 גר.

876 מיט אַכטונג ה. בערנהיים.

שפּראַך-קורסען:

פּויליש, דייטש, ענגליש, העברעאיש א. ז. וו.

האַנדעלס-קורסען:

בוכהאַלטעריע, האַנדעלס-וויסענשאַפט א. ז. וו.

יודישע למודים

פאַר קינדער פון פאָלקס-שולן

חומש, רשי, גמרא א. ז. וו.

אין לאָקאַל פון גימנאַזיום „בית אולפנא" צעגעלניאַנאַ 60 פּאַרטער 2. שט.

די פרייזען זענען זעהר צוגענגליך. די קאַנצעלאַריע איז טעטיג טעגליך פון 7 ביז 9 אָוו.

Wyższe

Gimnazjum Humanistyczne Męskie

I. KACENELSONA

Cegielniana 28, tel. 51-79.

עס ווערען אָנגענומען שילער אין אַלע קלאַסען. קינדער פון 6 יאָהר ווערען אָנגענומען אָהן עקזאַמענס.

פאַר שילער (אַבסאָלווענטען) פון פאָלקס-שולען וועלען געמאַכט ווערען געוויסע פערלייכטערונגען ביים אָנגעהמען זיי אין 4-טען און 5-טען קלאַס.

די למודים האָבען זיך שוין אָנגעהויבען.

אין דער ערשטער העברעאישער פרעבעל-שולע (לויט דעם נייעסטען ענטוויקלונגס-סיסטעם) ווערען פערשריבען קינדער פון 4 יאָהר אָן.

ביים אַנשרייבען די שילער דאַרפען בייגעלעגט ווערען א מעטריקע און א פאָטאָגראַפיע. די קאַנצעלאַריע איז טעטיג טאָג-טעגליך, פון 10—1 פריה און פון 4—6 נאָכמיטאָג.

878 די דירעקציע.

Dr. med.

BRAUN

פּאָלודניאָווע 28

טעלעפאָן 40-26

צוריקגעקעהרט.

ספּעציאַל-ארצט פאַר הויט און ווענערישע קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע.

בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-ליכט (האָר-אויספאַל)

נעמט אָן פון 9—11 פריה און פון 5 — 8 אָוונט

העלפּעדאַגאָגישע קורסען

פאַר שוואַכבעגאַבטע און שווערערציהבאַרע קינדער. שפּראַכשטערונגען (שטאַמלען, מוטשטשען)

Dr. med. A. Szmirgeld

נערווען-ארצט.

עלעקטריזאַציעס, ליכטהיילבעהאַנדלונגען.

CEGIELNIANA 6,

tel. 51-29

עמפּפאַנגט פון 5 — 7 אָוונט.

Dr. med

G. GERSZTAJN

צוריקגעקעהרט

ספּעציאַל-ארצט פאַר אויגען-קראַנקהייטען

Traugutta 12 (קרוטקאַ)

נעמט אָן פון 12⁰⁰ ביז 2, פאַר אונבעמיטעלטע פון 7 ביז 8 אָוו.

א הערצליכען מזל-טוב ווינשט דאָס אַלעם.

יודישע קולטור-הויז

פרייליין ג. פ. ריוואַן

צו איהר חתונה מיט ה'

875

עזריאל צורקאָוויטש

זאָל זייער לעבענס וועג מיט רויזען בעצירט זיין.

אַרטעוואָלוציע אין ליטע.

ליטווישע רעגירונג דערלאָזט נישט קיין ידיעות איבער דער גרעניץ.

בערלין, 10. (ספּ. טעל.) אין ליטע האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָמוניסטישער אויפשטאַנד, דער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אין שטעטל טאַוראַג. אויך אין אַנדערע שטעט זיינען פאָרגעקומען אומרוהען.

די קאַמפן אין טאַוראַג האָבן געדויערט אַ גאַנצן טאָג. עס זיינען פאַרהאַן זעהר פיל דער'הרג'עטע און פאַרוואונדעטע.

בערלין, 10. (ספּ. טעל.) די ליטווישע רעגירונג האָט געשלאָסן די גרעניץ צווישן ליטע מיט קלייפּעדאַ.

ריגאַ, 10. (ספּ. טעל.) נישט קוקנדיג אויף דעם וואָס די ליטווישע רעגירונג בעמהט זיך, אַז אויסלאַנד זאָל זיך נישט דערוויסן וועגן דער רעוואָלוציע אין ליטע, זיינען דאָך בעוואוסט געוואָרן פאַרשידענע איינצעלהייטען.

דאָס שטעטל טאַוראַג האָט זיך אַ גאַנצן טאָג געפונען אין די הענד פון די רעוואָלוציאָנערען. דער אָנפיהרער קאַפּיטאַן מאַיוס איז אַנטלאָפן קיין דייטשלאַנד.

די קאַמפן צווישן מיליטער און די אויפשטענדיגע זיינען זעהר פאַרביטערטע. פאַר כאַפּען דעם קאַפּיטאַן מאַיוס איז בעשטימט געוואָרן אַ בעלוינונג פון 5000 ליט.

ריגאַ, 10 (ספּ. טעל.) די קאָוונער רעגירונג בעמיהט זיך פאַר יעדן פּרייז צו בעווייזן, אַז די געשעהענישען אין טאַוראַג האָבן נישט געהאַט קיין פּאָליטישן כאַראַקטער.

קעניגסבערג, 10 (ספּ. טעל. פון טילזיט מעלדעט מען, אַז די קאָמוניסטישע אומרוהען אין ליטע דויערן ווייטער.

קאָוונאַ, 10 (אַטע) דער אָפיציעלער קאָמוניקאַט שטעלט פאַר די געשעהענישען אין טאַוראַג אויף פאָלגענדען אופן:

4 אַ זייגער פאַרטאָגס האָבן אַ גרופּע בעוואָפענטע מענשען זיך אַריינגעריסען אין די בנינים פון דער שטאָטישער מאַכט. אַלע פּאָליציאַנטען זיינען צעטוואָפענט געוואָרן. אין די הענד פון די אויפשטענדיגע זיינען אַריינגעפאַלען 600 טויזענד ליט און 3 טויזענד דאָלאַרען. די אויפשטענדיגע האָבן אויך פאַרנומען דעם אַמוניציע-סקלאַד. ס'איז גלייך אַרויסגעשיקט געוואָרן מיליטער איינצושטילען דעם בונט.

קאָוונאַ 10 (אַטע) אַ חוץ מאַיוס'ן פיהרט אָן מיט'ן אויפשטאַנד דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער דעפּוטאַט ניקולסקי.

בעפאַלען און מערדערליך געשלאָגען אַ זשורנאַליסט.

וואַרשאַ, 10 (טעלעפאָניש) 7 אומבעקאַנטע מענשען זיינען אָנגעפאַלען דעם מיטאַרבייטער פון דער „זשעטשפּאָספּאָליטאַ“ מאַסטאַווישט און איהם מערדערליך צושלאָגען. ווי דער בעפאַלענער ערקלערט האָבן די אָנפאַלער געשריגען, אַז ער בעקומט קלאָפּ דערפאַר וואָס ער טרעט אַרויס נעגען דעם מאַרשאַל פּילסודסקי.

יוסטיץ-מיניסטעריום וועגן מאָרד איבער טרייכאַוויטש'ן.

וואַרשאַ. 10 (טעלעפאָניש) דאָס יוסטיץ-מיניסטעריום טיילט מיט, אַז די אויספאָרשונג וועגן דעם מאָרד אין דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע איז נאָך נישט געענדיגט. די אויספאָרשונגס מאַכט האָט קיין שום אינפאָרמאַציעס נישט געגעבען. טייטענס ידיעות וועלכע די פּרעסע האָט געבראַכט שטימען נישט מיט דער ווירקליכקייט.

מאַרשאַל פּילסודסקי קומט קיין וואַרשאַ.

וואַרשאַ, 10 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). מאַרשאַל פּילסודסקי קומט קיין וואַרשאַ דעם 13. ד. ח. דער מאַרשאַל וויל אָנוועזענד זיין ביי דער ערעפענונג פון סיים.

דעקרעט וועגן צוזאַמענרופען דעם סענאַט.

וואַרשאַ, 10 (טעלעפאָניש פון אונזער סיים קאָרעספּאָנדענט) דער מאַרשאַלעק פון סענאַט טראַמפּטשינסקי האָט היינט בעקומען דעם דעקרעט פון מלוכה-פּרעזידענט וועגן צונויפרופען די אויסערגעוועהנליכע סעסיע פון סענאַט פון 22 סעפּטעמבער.

בוי-קאַטאַסטראָפע אין סיים.

וואַרשאַ, 10 (טעלעפאָניש) היינט 6 איז פאָרגעקומען אַ קאַטאַסטראָפע ביי דעם בוי פון סיים-האָטעל. אַ רוסטאָוואַניע איז איינגעפאַלען און 6 אַרבייטער זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן.

נעגען די אַטלאַנטיק-פליהען.

די דאָזיגע פּרובען ברענגען צופיל מענשליכע קרבנות.

לאָנדאָן, 10 (אַטע) די פאַרפאַלען מיט לופט-שיפען, וואָס פליהען אַריבער דעם אַטלאַנטיק האָבן אַרויסגערופען אין אַמעריקאַ אַ געוואַלדיגע נעגנערשאַפט נעגען די אַטלאַנטיקפליהען. אַלע ציימונגען פאַרלאַנגען, אַז מ'זאָל פאַרווערען אַזעלכע פליה פּרובען ביז איצט זיינען שוין אומגעקומען 26 מאַן. די הויפּט אָנפיהרערשאַפט האָט פאַרבאָטען אַנטיילצונעהמען אין די לופט-פליהען.

פּאַריז, 10 (אַטע) פרוי לעווין האָט דעפעשירט צו איהר מאַן, אַז וועלכער זי בעט, אַז לעווין זאָל רעזיגנירען פון זיין צוריקקריוע מיט'ן אַעראָפּלאַן קיין אַמעריקאַ.

וואַרשאַ, 10 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) פון וואַרשאַ וועט אין די נאָהנטסטע טעג אַרויספליהען אַן אַעראָפּלאַן פון אַ נייער קאָנסטרוקציע קיין אַמעריקאַ.

ווער די פליהער זיינען ווערט דערווייל נאָך געהאַלטען בסוד.

אַלע פּאַר'ן פּוילישן שלום-פּאָרשלאַג

נאָר איטאַליען געפעלט ער נישט.

זשענעוו, 10 (ספּ. טעל.) אויף דער געכטיגער זיצונג פון דער פעלקער-ליגע האָט געהאַלטען אַ לענגערע רעדע דער דייטשער אויסערן-מיניסטער שטרעזעמאַן. ער האָט אָנגעוויזען, אַז די דייטשע מלוכה שעצט אונטער די אידעע פון דער פעלקער-ליגע און פאַראור טיילט אויפ'ן שאַרפסטען אופן דאָס אַרויסרופען פון מלחמות.

דערנאָך האָט גענומען אַ וואָרט דער פּוילישער דעלעגאַט סאַקאַל, וועלכער האָט ערקלערט, אַז ער איז אין הסכם מיט די גרויסמאַכטען וועגן אַנטי-מלחמה-דעקלאַראַציעס.

מיניסטער סאַקאַל האָט פאָרגעלעגט פאָלגענדע רעזאָלוציע:

1) יעדער מלחמה אַנגריף איז און וועט זיין אַ פאַרברעכען,

2) כדי צו ערלעדיגען וועלכען ס'איז קאָנפליקט צווישען די מלוכות, מוזען אויסגענוצט ווערען אַלע פרידליכע מיטלען.

די מלוכות, וואָס געהערען צו דער פעלקער-ליגע זיינען פאַרפליכטעט אָנצונעמען די דערמאָהנטע 2 פּרינציפּען.

נאָכ'ן מיניסטער סאַקאַל האָט גענומען אַ וואָרט דער איטאַליענישער דעלעגאַט, וועלכער האָט ערקלערט, אַז דער פּוילישער פּראָיעקט האָט נישט קיין שום פּראַקטישען ווערט. דער רעדנער האַלט, אַז מ'דאַרף נישט אַרויסרוקען קיין נייע פּראָיעקטען, ווייל דאָס קען נאָך פאַרגיכטען אַלץ, וואָס די פעלקער-ליגע האָט ביז איצט דערגרייכט.

טשעמבערלען האָט דעמאָנסטראַטיוו מסכים געוועזען מיט'ן איטאַליענישן דעלעגאַט.

שטרעזעמאַן האָט אין זיין רעדע מסכים געוועזען מיט'ן פּוילישן פאָרשלאַג און האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר שידס-געריכטען.

לאָנדאָן, 10 (אַטע) די „מאָרנינג פּאָסט“ עצה'ט פּוילען, אַז זי זאָל נישט צופיל גלויבען די פאַפּירענע גאַראַנטיעס פון שלום און זאָל בעסער אַכטונג געבען אויף דער אינערליכער פּאָליטישער קאָנסאָלידאַציע און מיליטער-דיסציפּלין, פּוילען דאַרף אויך האָבען ענגע פּאָליטישע בעציהונגען מיט די מלוכות, וועלכע זיינען פאַראינטערעסירט אין דער אומאָפּהענגיגקייט פון פּוילען.

בערלין, 10 (אַטע) די „פאָסישע צייטונג“ שרייבט, אַז דער פּוילישער פּראָיעקט איז אַ זעהר געקווענער פאַר די איינראָפּעאישע מלוכות, נאָכמעהר ווייל אין קומענדיגען יאָהר קומען פאָר וואַהלען צום פּאַרלאַמענט אין אַ גאַנצע רייהע מלוכות.

לאָרד פּלומער אין תל-אביב.

ירושלים, 10 (טעלעגראַפיש דורך י.ט.א.) לאָרד פּלומער האָט בעזוכט תל-אביב כדי פערזענליך זיך צו בעקענען מיט דער לאַגע אין שטאָט, ער האָט ערקלערט, אַז די רעגירונג וועט מיט דער גאַנצער ענערגיע אונטערשטיצען די אויפבוי-אַרבייט אין ארץ ישראל, כדי צו בעזייטיגען די שוועריגקייטען וואָס זיינען ענטשטאַנען צוליב דער ארץ ציונישער אַרבייטסלאָזיגקייט און בעקעמפען די אַרבייטסלאָזיגקייט.

פּלומער האָט אויך מיטגעטיילט, אַז די רעגירונג, האָט בעשטימט די הלואה פון 10 000 פונט פאַר תל-אביב, וואָס זאָל פאַרוועגדעט ווערען אויף עפענטליכע אַרבייטען.

טרינקט נישט קיין אומגעקאכטע מילך:
אין שטאָט הערשט טיפוס!

געקומען צו אַן אויסגלייך

אין דער פראַגע פון א"י-עקזעקוטיוו.

באַזעל, 10 (טעלעגראַפיש דורך י.ט.א.) ביז פרייטאָג פאַרנאַכט איז נאָך נישט געלונגען צו שאַפען אַ מעהרהייט, וועלכע זאָל פון זיך אויסשטעלען אַן עקזעקוטיוו.

ווייצמאַן האָט ערקלערט, אַז דער קאָנגרעס וועט פאַרלענגערט ווערען ביז שבת ביינאַכט.

די ביז-איצטיגע פאַרשידענע קאָמבינאַציעס וועגען שאַפען אַן עקזעקוטיוו, זיינען געוואָרען נישט אַקצעפּטאַבל. די לאַגע איז טאָרלאָזיג נאָך נישט אויפגעקלערט.

באַזעל, 10 (טעלעגראַפיש דורך י.ט.א.) נאָך גרויסע און לאַנגע אונטערהאַנדלונגען איז געקומען צו אַ שטיקעל אויסגלייך אין דער פראַגע פון א"י-עקזעקוטיוו. דער עקזעקוטיוו וועט בעשטעהען פון 4 פּערזאָן, און דעם וועלען 3 האָבען בעשטימונגס-רעכט אין דער פירמע. דער קאַנדידאַט פון „מזרחי“ נאָר בעראַטונגס-רעכט. פאַר דעם וועט זיך „מזרחי“ אָפּהאַלטען פון שטימען ביים אָפּשטימען די עקזעקוטיווע, אויך „התאחדות“ וועט זיך אָפּהאַלטען פון שטימען. אַזוי אַרום וועט די ליסטע פון עקזעקוטיווע דורכגעהן אויפ'ן קאָנגרעס.

צווישען אַ גאַנצע רייה רעזאָלוציעס איז אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציע צו אָרגאַניזירען אַ נייע עליה.

די לאָדזשער יודישע קהלה-פערוואַלטונג
מאַכט בעקאַנט, אַז פון מיטוואָך, דעם 7-טען סעפּטעמבער איז זי צוגעשטעלט
צו פערדינגען פּלעצער
אין דער שוהל אין וואָלבאָרסקאַ 20
צו די קומענדיגע ימים נוראים
די פּלעצער וועט מען פערדינגען אין דער קאַנצעלאַריע פון שוהל אין די שעה'ן פון 3–6 נאָכם.
אַלע פריהערדיגע חזקות זיינען אונגילטיג. די פּלעצער מוזען געדונגען ווערען אויפסניי, ווייל יעדער פּלאַץ פערדינגען ווערען צו אַנדערע.
782

ס'ווערט געזוכט
2 מעדלעך:
אָרער יונגלעך צו לייכטע אַרבייט באַלד געצאָהלט.
פּעטריקאַווער 27,
וואָהנונג 7. 877

סווימער-נייערינס
און רעפּערזירקעס ווערט געזוכט ביי ווייסבלום,
פּולנאַצנאַ 4. 883

ביליג שיטלען
פּאַקעס צו זעהר ביליגע פּרייזען מאַכט די בעוואוסטע פּריזיערקע גיטעל הייבער וועלכע האָט געוואוינט פּוילישע גאַס 29 וואוינט יעצט זגערזשער 10, רעכטס 2. שטאָק. 818

ראַהמען, ווי אויך בילדער
אַמביליגסטען נאָר ביי

י. צוויליך נאַוואָליפּקע 11, טעל. 53-35 (אין הויף)

בעמערקונג: אַלעס איינענע אויסאַרבייטונג.

אַנאָנסען אין „נייעם פאָלקסבלאַט“ האָבען דעם גרעסטען ערפאָלג!

„נייער פאָלקסבלאַט“

לאָדז. 11. סעפּטעמבער 1927.

איז מעגליך
נאָך אַ ווייטערע בעגרענצונג?

אינגמיטען פון דער ליידענשאַפטליכער פּאָליטישער דעבאַטע אויף דעם ציוניסטישען קאָנגרעס אין באַזעל און אינמיטען פון די פאַרזיכטיגע רעדעס וועגען דער ענגלישער פּאָליטיק אין דעם לאַנד, פאַר וועלכען עס איז בעשריבען געוואָרען די בעריהמטע דעקלאַראַציע פון לאָרד באַלפאַר, איז אָנגעקומען אַ דעפּעשע פון דער יודישער טעלעגראַפען-אַגענטור, וואָס לעבט זיך פשוט ניט אויפ'ן שכל. לויט דער דאָזיגער טעלעגראַפישער ידיעה וועט איצטיגען גרויסגעבען ווערען אַ נייע פאַראָרדנונג וועגען בעשרענקען די יודישע איינוואַנדערונג קיין ארץ ישראל.

מען קען ניט מיינען, אַז די נייע גזרה איז דער ענגלישער אנטוואָרט אויף די יודישע פּראָטעסטען, צו רוהיג, נעלאַסען און קלוג איז די ענגלישע פּאָליטיק, כדי מען זאָל קענען זיך פאָרשטעלען אַזאַ מין שווערען קלאַפּ. די אויסלענדישע פּאָליטיק פון דער ענגלישער רעגירונג איז בעקאַנט דערמיט, וואָס זי לאָזט זיך ניט דענערווירען אין נעהמט שטענדיג מיט איהרע פון פריהער פעסטגעשטעלטע וועגען. דער היינטיגער ענגלישער קאָלאָניען-מיניסטער מר. עמערי איז זיכער איינער פון די טיכטיגסטע פון קליגסטע קעפּ אין דער היינטיגער ענגלישער רעגירונג.

די נייע בעשרענקונג פון דער יודישער איינוואַנדערונג קאָן מען בעטראַכטען נאָר אַלס אַ פּרינציפּיעלען שריט, נאָר אַלס אַ טייל פון אַ בעשטימטען פּראָגראַם. די נייע בעשרענקונג איז אין תוך גענומען גלייך צו אַ פולשטענדיגען פאַרבאָט. פּראַקטיש האָט אַזאַ פאַרבאָט אויך ניט קיין גרויסע בעדייטונג, ווייל פון אַ מעהר אָדער ווייניגער בעדייטענדער איינוואַנדערונג אין דער צייט פון גרויסען ווירטשאַפטליכען קריזיס קאָן איצט אַפילו קיין רעדע ניט זיין.

די נייע פאַראָרדנונג, אויב זי וועט באמת ערשיינען, וועט האָבען אַ ערנידריגענדע מאָראַלישע ווירקונג. די יודישע שטימונג וועט דער פון זעהר שווער ליידען. די יודישע אַנשטרענגונגען דורכצוברעכען ערגיץ וואו אַ וועג פאַר דער איינוואַנדערונג וועלען מוזען אָבגעשוואַכט ווערען. ווייל אויב מען קאָן דערלעבען צו אַזאַ קלאַפּ „ביי זיך“ וואָס זאָל מען פאָדערען פון אַנדערע?

ה. גראָסמאַן.

וועגען אַנ'אַלגעמיינעם אָפּמאַך
וואָס זאָל שיצען די קליינע מלוכות אַזוי גוט ווי די גרויסע.

פאַר דער עפענונג פון דער איצטיגער סעסיע פון דער פעלקער-ליגע זיינען פאַרלאָפען צוויי וויכטיגע פּאָליטישע געשעהענישען — ס'האָבען זיך צוריקגעצויגען פון זייער אַרבייט דער ענגלישער פאָרשטעהער לאָרד ראָבערט ססעסיל און דער פראַנצויזישער סענאַטאָר דע זשובענעל.

זייערע דימיסיעס האָבען געקלונגען אַ הילכיגען אָפּקלאַנג אין דער פּאָליטישער וועלט, ווייל סיי ססעסיל און סיי זשובענעל זענען געווען פון די זיילען פון דער פעלקער-ליגע און זייער צוריקציהען זיך פון דער אַרבייט, האָט מען געזעהן אַ סימן רע פאַר די אויסזיכטען פון וועלט שלום.

ס'האָט זיך בכלל געדוכט, אַז דער איצטיגער פּאָליטישער יריד אין גענף וועט ניט האָבען דעם געהעריגען רעזאָנאַנס אין וואָס דורכגעהן בלאָס און אומבעמערקט. אָבער אויסגעלאָזען האָט זיך פּונקט פאַרקעהרט, און שוין לאַנג האָט זיך אַ ווי פיל ניט געטומעלט אין גענף ווי דאַרמאָל.

דאָס אינטערעסאַנטסטע פאַר אונז איז אָבער, וואָס דעם מאָל אין גרויסען וועלט-קאָנצערט האָט היינטיגעס מאָל געגעבען פּוילען, דורך איהר פאָרשלאָג וועגען שאַפען אַנ'אַלגעמיינעם גאַראַנטיע-אָפּמאַך, וואָס האָט דעם צוועק צו פאַרזיכערען די וועלט געגען אַנ'אומגעזעצליכער מלחמה-סכנה.

דער פּוילישער פאָרשלאָג, וואָס זיין מחבר זאָל ווי מ'גיט איבער זיין ניט קיין אַנדערער ווי דער מאַרשאַלעק פּילסודסקי, שטרעבט צו פאַרברייטערען דעם לאָקאַרנאָ-אָפּמאַך פון 1924, וועלכער איז לויט זיין מהות געווען אַזוי צו זאָגען בלויז אַ מעיב לאָקאַרנאָ, צו-שביקעווען צו איהם אַ מזרח-לאָקאַרנאָ און איהם אַזוי אַרום פאַרוואַנדלען אין איין אַלגעמיינעם אָפּמאַך, וואָס זאָל בעשיצען די קליינע מלוכות, אַזוי גוט ווי די גרויסע.

דער פאָרשלאָג האָט אַרויסגערופען אַנ'אומגעוועהנליכע אויפרעגונג און אַ סך פירושים און אין דער פּרעסע.

אין ניט קיין חידוש.

ראש ת רופט אַרויס אַ שטאַרקע פאַרוואונדערונג דער פּאַקט, וואָס דער מחבר פון פאָרשלאָג איז אַ מלוכה, וואָס האָט ביז איצט קיין איינציגען מאָל זיך ניט אָנגעזשירט אין דער וועלט-פּאָליטיק, אויף איהר איינענער אחריות, האָט כסדר מיטגעמאַכט די פּאָליטיק פון פראַנקרייך און האָט ניט אַרויסגעוויזען קיין איינענע איניציאַטיווע און זעלבסטשטענדיגקייט אין איהר אויסערן פּאָליטיק.

דאָס איז ראשית. און שנית איז דער פאָרשלאָג אַזוי דרייסט און האַקעט, אַז ער קוועטשט צו צום וואַנט דייטשלאַנד און מאַכט פאַראַנטוואָרט אויף די מלוכות, וואָס קאָקעטירען צו פּוילען און חנ'דלען זיך גלייכצייטיג צו דייטשלאַנד.

דייטשלאַנד וואָס איצט מוזען איינמאָל פאַר אַלע מאָל קלאָהר און אָפען דעקלאַרירען איהר בעציהונג צו איהרע מזרח גרענעצען (מיט פּוילען). וואָס זי מסכים זיין אויפ'ן פּוילישען פאָרשלאָג, הייסט עס, אַז זי האָט ניט אין זינען קיין שום רעוואַנש-פּאָליטיק און זי מיינט מיט אַנ'אמת צו אַרבייטען לטובת דעם וועלט-שלום, וואָס זי אַרויסטרעטען געגען דעם, איז אַ סימן, אַז זי האַלט נאָך איהרע חשבונות מיט פּוילען ניט דערלעדיגט און זי האָט הינטערשטע כוונות, וועלכע וועלען ביי אַ געלעגענהייט קומען צום אויסדרוק.

ווייטער מען טאַקי אויס דעם פּוילישען פאָרשלאָג ווי אַנ'ערנסטען צוג אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלען שאַך-ברעט, אַ צוג, אויף וועלכען פּוילען האָט זיך געטוזט איינמאָל פאַר אַלע מאָל באַשליסען, ווייל זי דאַרף וויסען, מיט וועמען זי האָט צו געהן צום טיש.

און מ'וויל אַפילו האָבען, אַז אויב גענף וועט דעם פאָרשלאָג ניט אַקצעפּטירען, דעמאָלט וועט פּוילען זיין געצוואונגען זיך אָפּצוקעהרען מיט'ן פּלייצע צו מערב און אויסשטרעקען די האַנד איהר מזרח שכן —

ווייטער מיך דאַך, אַז די לעצטע צייט קומען-פאַר, דערווייל ניט אָפיציעלע, אינטערהאַנדלונגען צווישען פּוילען און רוסלאַנד מכח שליסען אַ ניט-אַגרעסיע-אָפּמאַך.

אַ פּרוואָס די גאַנצע וועלט וואַרט מיט שפּאַנונג אויף דער ענטשיידונג פון פּוילישען גאַראַנטיע-פּראָיעקט און אויף דער דיפּלאָמאַטיע, וואָס וועט זיך ענטוויקלען וועגען איהם אַרום גרינגעם טיש דורך די וועלט-דיפּלאָמאַטען

מ. נ-ן.

מען דאַרף מאַכען שלום
נאָך אַלץ וועגען דער פראַגע פון יודיש און העברעאיש
אַ פּאָר בלעטלעך זכרונות פון דר. ח. זשיטלאָווסקי.

אַז דאָס איז געווען, בקיצור, דער גרונט-געדאַנק פון מיין רעדע. איך האָב בשום אופן ניט געוואָלט אַרויס-צווינגען מיינע געדאַנקען אויף וועמען ס'איז. איך האָב אויך בשום אופן ניט געוואָלט אויפהויבען קיין דיסקוסיע וועגען די פּרינציפּען, אויף וועלכע מיר קאָנען זיך ניט איינינגען. איך האָב נאָר געוואָלט — און דאָס איז זיכער געווען מיין חוב — קלאָר אַרויס-ברענגען דעם פּרינציפּיעלען בעדייט פון יענעם שריט, וואָס די פאָרטרעטער פון דער העבּרעאישער ריכטונג האָבען פאָרגעשלאָגען.

ווי איך האָב געהאַט אין דערוואַרט איז מיין שטאַנדפּונקט ניט געווען קיין בריקעל גייגען פאַר די איצטיגע חברים. אויך זייערע געדאַנקען האָבען זיך בעוועגט — בדרך כלל — אין די-זעלביגע אַלגעמיינע ליניעס. אויך זיי האָבען דערקלערט, אַז אויף דעם אָרט-געשלאָגענעם פּלאַן קאָנען זיי ניט איינגעהן מחמת ריין פּרינציפּיעלע טעמים. אויך זיי קאָנען זיך ניט אָפּזאָגען פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז די יודישע בילדונגס-אַנשטאַלטען, וואָס ווערען געבויט אויף דעם יסוד פון דער יודישער נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע, אויף דעם חשבון פון דעם אַלגעמיינעם שטאַט, מוזען האָבען איין לערנשפּראַך — די מוטער-שפּראַך פון דעם קינד, יודיש. זיי שלאָגען דעריבער פאָר אַנ'אַנדער פּראַקטישען שריט, ווי אַ קאָמפּראָמיס, וואָס זאָל בעפרייען דאָס יודישע שול-וועזען פון דעם שפּראַכען-קאַמף און זאָל באַשאַפען אַנ'איינהייטליכען פראָנט כלפי דער רעגירונג.

אַ דעלעגאַציע פון ביידע שול-ריכטונגען זאָל געהן צו דער רעגירונג און דערקלערען איהר, אַז, האָט ביידע צדדים פאַרגלייכען זענען אָדער טדריקליך אויף זייערע פריהערדיגע פּרינציפּיעלע פּאָזיציעס, זענען זיי ביידע גרייט, אין פאַל די רעגירונג זאָל בעשטימען אַ סובווענציע פאַר די יודישע שולעס, איינצוגעהן אָט אויף אַ וועלכען אָפּמאַך: א) די לערן-שפּראַך פון דעם איינהייטליכען יודישען שול-סיסטעם זאָל זיין יודיש; ב) די העברעאישע שפּראַך זאָל איינגעפיהרט ווערען ווי אַנ'אָבליגאַטאָרישער לימוד פון דעם ערשטען שול-יאָהר אָן און איהם זאָלען געווידמעט ווערען זיין שטונדען אַ וואָך.

ווער עס ווייסט, וואָס דאָס בעדייט — אויפקלעבען אין דער פאָלקס-שולע אין דורכשניט אָגדערהאַלבען שעה יעדען טאָג אויף דעם לימוד פון אַ ניט בערעדטער שפּראַך, יעדער קען אָפּשאַצען די גרויס פון דעם קרבן, וועלכען די „יודישיסטען“ זענען געווען גרייט צו ברענגען צוליעב אַ פּראַקטישען שפּראַכען-שלום אויף דעם פעלד פון דעם יודישען חינוך.

די פאָרטרעטער פון דער העברעאישער ריכטונג האָבען אָבער ליידער ניט געהאַלטען פאַר מעגליך אָנצונעמען דעם פאָרשלאָג, און דערמיט האָט זיך דער פּרוב דעמאָלט בעענדיגט.

וואו דאָס האַלט איצטער מיט אונזער שפּראַכען-קאַמף אין פּוילען, איז מיר ליידער ניט בעקאַנט. אָבער פון שלום אַש'ס רייד אויף דעם באַנקעט אין תל-אבּיב, ווייזט אויס, אַז די לאַגע האָט זיך דאָרטען ניט פאַרבעסערט, אויב זי איז ניט געוואָרען נאָך ערגער. זיין אויסגעשריי: „בעסער אַ פאָלק מיט צוויי שפּראַכען, איידער צוויי פעלקער!“ — בעווייזט, אַז אויך נאָך זיין מיינונג נאָך, דאַרף דער שלום געזוכט ווערען ניט אין דער ליניע פון „פאַנאַנדערגעה, גט'ען זיך“. פון אַ פרידליכען פאַנאַנדערגעהן זיך אין צוויי פעראַשיידענע שפּראַך-און קולטור-סעקטאָרען, נאָר אין דער ליניע פון אַ „סינטעטישען דואַליזם“, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקען. יעדער יוד זאָל סיי אין ארץ-ישראל, סיי אין חוץ-לארץ קאָנען בעהערשען ביידע שפּראַכען און זיך קאָנען פרייען אין ביידע קולטור-טעזרעס.

איך האַלט ניט פון דער ווינש-בערקייט פון אַנ'איביגען שלום אויף אַזאַ דואַליסטישען יסוד. כל זמן מיר האָבען ניט קיין איינען יודיש לאַנד פאַר'ן גאַנצען פאָלק און כל זמן מיר ווילען בלייבען טריי דעם יסוד פון העלטליכקייט אין אונזער גאַנצען נאַציאָנאַלען זיין, מוזען מיר קעמפען פאַר דעם „מאָניסטישען“ לאָזונג: „איין פאָלק — איין שפּראַך!“

אָבער די גייט אין אַ „נויטצושטאַנד“ און אין אַ קאָמפּראָמיס וואַקסט באמת אָן מיט יעדען טאָג אַלץ מעהר. דער פאָרשלאָג פון דער פּוילישער יודישער שול-צענטראַלע גיט, נאָך מיין מיינונג נאָך, דעם גליקליכען ענטפער אויף דעם פּראָבלעם, אין וועלכער ליניע דער קאָמפּראָמיס זאָל געזוכט ווערען. די שפּראַך פון אונזער קולטור און פון אונזער לעבען אין חוץ-לארץ מוז בלייבען יודיש, ווייל דאָס ליגט אין די לעבענסגויטען פון די גרויסע יודישע מאַסען. אָבער יעדען יודען זאָל געגעבען ווערען די מעגליכקייט, — דורך דער שול-בילדונג און דורך אַנדערע מיטלען, — ער זאָל זיך קאָנען פריי בעוועגען אין דער העברעאישער שפּראַך און דער העברעאישער קולטור. ער זאָל קאָנען, ווען ער וועט וועלן. אין אַ פּאָר דורות אַרום, ווען יעדער יוד וועט זיך קאָנען אַזוי פריי בעוועגען אין ביידע שפּראַכען, ווי דאָס האָבען געקאָנט אונזערע טאַטעס און זיידעס: ווי אַ חיים נחמן ביאַליק, אַ שמריהו לעווין, אַ ראובן ברייני און פיל אַנדערע קאָנען דאָס נאָך עד היום אַפילו מיט דעם „דיבור עברית“. דעמאָלט וועט דאָס לעבען קאָנען פאַרענטפערן, וועלכע שפּראַך פון די ביידע זאָל זיין די נאַציאָנאַל יודישע שפּראַך.

דער זעלביגער קאָמפּראָמיס דאַרף דורכגעפיהרט ווערען אויך אין ארץ-ישראל. אָבער פאַרקערט. מיט געוויסע מאָדיפיקאַציעס. דאָרטען קאָן דערווייל נאָך קיין רייד ניט זיין וועגען אַנ'איינהייטליכער שפּראַך פאַר אַלע טיילען פון דעם יודישען פאָלק. דאָרטען מוז צוערשט דורכגעפיהרט ווערען יענער פּרינציפּ פון שפּראַכען-גלייכבערעכטיגונג, אויף וועלכען די העברעאיסטען לעוין, דר. סירקין און בן-גוריון האָבען מסכים געווען אין דער צייט פון דער ניו-יאָרקער קאָנגרעס-בעוועגונג. אָבער אויך דאָרטען זאָל אין די יודישע שולען געלערנט ווערען און שטאַרק געלערנט ווערען העברעאיש, ווי אין די העברעאישע שולען מוז מאַכען אַזוי פיל שעה אָפּגעגעבען ווערען דעם שטודיום פון יודיש.

די פּעדאַגאָגישע פּרטים פון דעם קאָמפּראָמיס מוזען אויסגעאַרבייט ווערען פון ספּעציאַליסטען. מיין אויפגאַבע איז איצטער נאָר געווען — אויפצוווייזען, אין וועלכער ליניע דער קאָמפּראָמיס-שלום קאָן געזוכט ווערען, אויב ביידע צדדים זענען בעצוואונגען צו געהן אויף אַ קאָמפּראָמיס און אויב ביידע ווילען שלום.

Dr. med. H. LUBICZ
פּעטריקאַווער 43, טעל. 41-32.
ספּעציאַליסט פאַר אויג, האַלז, נאָז און נערווען-קראַנקהייטען.
מיט ספּעציאַלקאַבינעט-לאַמפּען (קוואַרץ-אויספיהל)
עמפּ. פון 8—10 און פון 5—8 אָוונט.

Dr.
M. Kantor
POWRÓCIŁ
ul. 6-go Sierpnia 1.

דרוקער
די נייעסטע פּאַרפומען
קרעמען, פּודער-זייפען, קעלנישע בלומען-וואַסער, פּודער הויבען, קאָפּי און אַנדערע צו-קאָנקורענץ-פרייזען צופעהלט
Perfumerja DRUKIER
Zawadzka 11
פאַר אַנגראָ-אייסטען-ראַבאַט!
בעמערקונג: ...
ביליג!

יודישע קאָלאָניזאַציע-געזעלשאַפטען אין ראַטען-רוסלאַנד.

מאָסקווע. (יט"אַ). אין זעליאָנאָ-פּאָל איז פאָרגעקומען אַ בעראַטונג וועגען דער אַרבייט אין דאָרף. די רעדנער האָבען זיך בעזונדערס אָפּגעשטעלט אויף דעם, וואָס ס'רוב קאָלאָניזאַציע געזעלשאַפטען צופאַלען זיך. אַלס סיבה ווערט אָנגעוויזען דערויף, וואָס די בעשעפטען זענען קאָמפּליצירט פון פאַר שידענע בעפעלקערונגס שיכטען, ווי: הענדלער, האַנדווערקער אָנגעשטעלטע אַ. אַ. וו. די בעראַטונג האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אַז מען דאַרף אויסגעפינען נייע מעטאָדען פאַר דער צוזאַמענאַרבייט צווישען די קאָלאָניסטען.

Dr PRYBULSKI
זאַוואַדזקאַ 1, טעלעפאָן 25-38
צוריקגעקעהרט.
ווענערישע און האָר - הויט - קראַנקהייטען, מענער-שוואַכקייט, בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-ליכט (האָר-אויספאַל), רענטגען-שטראַהלען.
נעמט אָן פון 9—1 און פון 4—8 אָוונט
דאַמען: פון 4—5 נאַכם.
ספּעציעלער וואַרטע-זאַל פאַר פרויען.

נייער פאָלקסבלאַט
11 סעפטעמבער 1927.

דאָס לאָדזשער לעבען

נייער פאָלקסבלאַט
11 סעפטעמבער 1927.

11 זונטאָג יד אלול תרפ"ז	סעפטעמבער זון-אויפגאַנג 4.28 זון-אונטערגאַנג 6.49 לענג פון טאָג 13, 12

פאָבאָר.

צוגאָב-קאָמיסיעס וועלען מאָרגען זיין טעטיג.

(מ) מאָרגען וועט אין לאָקאַל אויף טראַוגוטאַ 10 זיין טעטיג די צוגאָב-קאָמיסיע פאַר יונגעלייט פון די יאָהרגענג 1903, 1904 און 1906, וועלכע זענען נאָך נישט געשטאַנען פאַר די קאָמיסיעס און האָבן נאָך נישט בעדינט.

דעם 29. ה. ח. וועט פונקציאָנירן א צוגאָב קאָמיסיע פאַר די אַלע פון די יאָהרגענג: 1883 ביז 1903, וועלכע זענען נאָך פאַר קיין קאָמיסיע נישט געשטאַנען.

ס'ווערט פאַרטיג

די נייע טראַמוואַי-ליניע.

(–) די אַרבייטען ביי גרויסען נייע טראַמוואַי-ליניע אויף זשעלאַזנע און אַל. קאָשטשושקי האַלטען שוין ביים סוף.

אויף די גאַסען ווערען אויך שוין פאַרענדיגט די קאַנאַליזאַציע אַרבייטען און איינינגען וועט שוין קורסירען א טראַמוואַי דורך אַל. קאָשטשושקי, זשעלאַזנע צום האַלער פּלאַץ (זשעלאַזנע).

10.000 זלאָטעס

פאַר נויטליידענדע פון דער פערפלייצונג אין מזרח-גאַליציען.

(מ) דער לאָדזער מאַגיסטראַט האָט אַסיגנירט 10.000 זלאָטעס פאַר די בעליידיגטע פון דער פערפלייצונג אין מזרח-גאַליציען.

טיפוס

א ספעציעלער באַראַק אין ראַדאָגאָשטש.

(מ) אין משך פון לעצטען חודש האָט זיך אין לאָדז בעדייטענד פערגרעסערט די צאָהל פאַלען פון טיפוס-קראַנקהייט.

לויט דער איניציאַטיוו פון געזונדהייטס-אַמט ביים מאַגיסטראַט איז איצט אין ראַדאָגאָשטשער שפּיטאָל געעפענט געוואָרען א ספּעציעלער באַראַק פאַר טיפוס-קראַנקע אויף 68 בעטלעך.

לאָדז—וואַרשא

א שנעלצוג אהן אפּשטעל.

(–) אויף א פּרעסע-קאָנפערענץ אין באַהן-מיניסטעריום, האָט דער מיניסטער ראָמאָצקי ערקלערט, אַז איינינגען וועט בעלאָזט ווערען א ספּעציעלער שנעלצוג לאָדז—וואַרשא, וועלכער וועט זיך נישט אָפּשטעלען אויף קיין שום סטאַנציע, אפילו נישט אין קאָלושקי און סקיערניעוויץ.

אויסער דעם, וועט קורסירען א ספּעציעלער וואַגאָן לאָדז – לעמבערג, וועלכער וועט דורך וואַרשא האָבען א דירעקטע פערבינדונג מיט לעמבערג.

879 Dr. med.
Wolf EYCHNER
גינעקאָלאָג-אַקושער
צוריקגעקעהרט
זגערזשער 11, טעלעפאָן 34-72

Dr. Z. Rakowski
ספּעציאַליסט פאַר אויערן, נאָז, האַלז און לונגען-קראַנקהייטען.
קאָנסטאַנטינאָווסקא 9 טעלעפאָן 27-81
שפּרעכשטונדען און 12 ביז 2 און פון 5 ביז 7. נעמט אויך אָן אין לאַגעווניצע זגערזשער 17 פון 10—11 און נ.מ. פון 2—3

לאָדז אהן ברויט.

די בעקער-מייסטער שטרייקען מיט'ן מאַגיסטראַט און וועלען נישט באַקען קיין ברויט.

(–) פערגאַנגענע וואָך האָבען די יודישע און אויך די קריסטליכע בעקער-מייסטער איבערגעגעבען דעם מאַגיסטראַט א מעמאָריאַל וועגען ענדערען די פּרייזען פון ברויט צוליב דער טייערקייט פון מעהל. בעקער מייסטער האָבען געגעבען דעם מאַגיסטראַט א טערמין צו ענטפערען ביז נעכטען, שבת 12 א זייגער ביינאַכט. צוליב דעם, וואָס דער מאַגיסטראַט האָט נישט געגעבען ביז'ן דערמאָנטען טערמין קיין ענטפער, איז נעכטען אָוונט פאָרגעקומען א פערזאַמלונג פון יודישע און קריסטליכע בעקער-מייסטער.

נאָך א לאַנגער דיסקוסיע איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז פון היינט, זונטאָג 8 פריה זאָל מעהר נישט אויסגעבאַקען ווערען קיין שום ברויט. עס וועט געבאַקען ווערען נאָר זעמעל.

א שטורם אין דער קראַנקען-קאַסע

די פאַבריקאַנטען-פאָרשטעהער פערלאָזען די זיצונג.

(ס) די לעצטע זיצונג פון דער לאָדזער קראַנקען-קאַסע איז געווען א שטורמישע.

דער שטורם איז ענטשטאַנען צוליב דעם, וואָס די פערוואַלטונג פון דער קראַנקען-קאַסע האַלט איהרע אַנגעשטעלטע פאַר מלוכה-בעאַמטע און האָט פאַר זיי אַנערקענט די זעלבע הוספה, ווי ס'האָבען בעקומען די מלוכה-בעאַמטע.

גלייכצייטיג מיט דער הוספה פאַר די אַנגעשטעלטע, האָט די קראַנקען-קאַסע אויך געגעבען אַ הוספה די פיזישע אַרבייטער און דאָס האָט שטאַרק אויפגערעגט די מיטגלידער פון דער פערוואַלטונג פון דער פאַבריקאַנטען-פראַקציע.

די פאַבריקאַנטען-פאָרשטעהער זענען שאַרף אַרויסגעטראָטען געגען דער הוספה בכלל און באַזונדערס געגען דער הוספה פאַר די פיזישע אַרבייטער.

אָפּגעבענדיג א שריפטליכען פּראָטעסט האָבען די פאַבריקאַנטען פאָרשטעהער פערלאָזט די זיצונג.

געבוירען, דערשטיקט און בעגראָבען

וואָלד-וועכטערס הונד דערשנאַפּט אַ בעגראָבען ניי-געבוירען קינד, און פרעסט עם נאָך כאָטבלוטיג. וואָרום, וואָס איז ער בעסער פון דער מאַמען?!

(פ) ערהערכטען, ווען דער וואָלד-וועכטער יוזעף שלעדזשעווסקי איז מיט זיין הונד אדורכגעגאַנגען דעם וואָלד נעבען דעם דאָרף בילעוו, ביי לאָדז, האָט ער בעמערקט ווי זיין הונד ווערט פון מינוט צו מינוט אומרוהיגער, און לסוף האָט ער זיך איינגעריסען אַרויסגעריסען פון איהם און צוגעלאָפען צו א בוים, וואו ער האָט גענומען אויפגראָבען די ערד מיט די לאַפּעס.

ווען דער וואָלד-וועכטער האָט דעם הונד איינינגע מאָל גערופען און ער איז אָבער נישט צוריקגעקומען, האָט דעם וועכטער פעראינטערעסירט און צוקומענדיג צו דעם בוים, וואו זיין הונד האָט געגראָבען, איז ער גאָר אויסגעציטערט געוואָרען פאַר שרעק און עקעל.

אין אַ'פּרשט-וואָס אויסגעגראָבענעם קבר'ל איז געלעגען איינגעגראָבען א פריש-געבוירען קינד, איבער וועלכען דער הונד איז געשטאַנען און געפרעסען די פיסלעך.

דער וואָלד-וועכטער האָט תיכף וויסען זיין ענטדעקונג מיטגעטיילט דעם נאָהענטסטען פּאָליציי-פּאָסטען, וועלכער האָט אַרויסגעשיקט אויפ'ן אָרט פון דער ענטדעקונג א פּאָליציי-פּאַטרויל, א דאָקטאָר און דעם פּאָליציי-הונד „ווילק".

דער דאָקטאָר האָט קאָנסטאַטירט, אַז דאָס פערגראָבענע קינד איז ערשט אַלט איין טאָג און עס איז געשטאָרבען פון א דערשטיקונג, ווייל אויפ'ן האַלז פון עוּפה'לע האָט מען אַנגעזעהן בולט'ע סמנים פון פינגער.

די פּאָליציי האָט באַלד אויפ'ן אָרט אונטערגענומען א שטרענגע אויספאָרשונג: דער פּאָליציי-הונד האָט גענוי געשמעקט דעם אָרט פון פערבּרעכען, און שפּעטער זיך געלאָזט לויפען אַריבער דער וואָלד-טשעזשקע, און די פּאָליציי, וועלכע איז איהם נאָכגעגאַנגען האָט באַלד ענטדעקט צוויי פערשידענע פוס-שפּורען: איין שפּור פון עלעגאַנטע, ליידערע דאַמען-שיך און דער צווייטער שפּור אויך פון פרויען-פיס, נאָר גרעסערע און פון געוועהנליכע, ברייטע שיך אויף נידריגע קלאַצער.

די פּאָליציי האָט דערוויייל פון די ביידע שפּורען געמאַכט גיפּס-פאָרמען און דער הונד איז דערווייל ווייטער גע'לאָזט.

נאָכדעם, ווי די פּאָליציי איז פון וואָלד אַרויסגעקומען אויפ'ן פעלד, האָט זי דער פּאָליציי-הונד, וועלכער איז געשטאַנען געבען א קליינע אַנגעוואָרפענע סלאָמעס, צוגעלאָפען מיט זיין ביינען. די פּאָליציי איז צוגעקומען און איז צוגעקומען איינצושטעלען די פלוגעס האָבען זיי געפונען א ליילעך, איינגעוויקעלט אייבגעשמוצט מיט בלוט-פלעקען.

די פּאָליציי איז ווייטער נאָכגעגאַנגען דעם פּאָליציי-הונד, וועלכער האָט זיי געפיהרט אין דאָרף בריי אין דער וואָהנונג פון א געוויסער בעגאַפּטע זיידעל, וועלכע האָט דאָרט געוואוינט אויף זומער-וואוינונג.

דער הונד איז אַרויפגעשפּרונגען אויף דער זיידעל און עס איז איהם קוים מעגליך געווען פון איהר אָפּצורייסען.

געגאַפּטע זיידעל האָט זיך תחילת נישט געוואָלט מודה זיין אין פערברעכען און ערשט ווען פּאָליציי האָט זי גענומען אונטער א קרייץ-פערהער האָט זי אויסגעזאָגט, אַז מיט א טאָג צוריק האָט זי געבוירען אַ'אומגעזעצליך קינד און נישט קענענדיג זיך דערמיט בעווייזען פאַר איהרע עלטערען, האָט זי געהייסען איהר דינסט מאַריאַ ווילמאָווסקאַ, אַז זי זאָל דאָס קינד דערשטיקען און פערגראָבען אין וואָלד, און דאָס ליילעך איז טאַקי פון איהר בעט אין וועלכען זי האָט געהאַט דאָס קינד.

די גיפּס-פאָרמען, וואָס די פּאָליציי האָט געמאַכט פון די פוס-שפּורען האָבען געשטימט מיט זיידעל'ס און ווילמאָווסקע'ס פיס.

ביידע פרויען זענען אַרעסטירט געוואָרען און איבערגעגעבען געוואָרען אין אַרעסט.

Dr. med. **I. WAJNBERG**
Cegielniana 47, tel. 26-02
ווענערישע, קראַנקהייטען, פּאָצע, פאַר לונגען און האַרץ-קראַנקהייטען. בעשטראַהלונגען און קוואַרצלאַמפּע בערג-זון.
נעמט אָן פון 3—4 נאָכמיטאָג און פון 4—6
דער לעטשניצע „הייליקא".

ריגאַטאַמענטען

אין וואַרשאווער אוניווערזיטעט

(:) די עקזאַמענס אין וואַרשאווער אוניווערזיטעט וועלען זיך אָנהויבען דעם 17. ה. ח. עקזאַמינירט וועלען ווערען די קאַנדידאַטען אויפ'ן מעדיצינישען און פאַרמאַצעווטישען פאַקולטעט. מאַר' 15. דאַרפען די קאַנדידאַטען איינצאָהלען אין סעקרעטאַריאַט דעם עקזאַמען-אָפּצאָהל פון 20 זלאָטעס.

עקסטרא טעלעגראַמע!

דער בעוואוסטער קאָמפּאָזיטאָר און אָבערקאַנטאָר ה' ליבערמאַן מיט זיין העלדען שטימע אויס ברודי פּעטע, איז איינגעלאַדען געוואָרען צו דאַווענען אויף די ימים נוראים אין גרויסען זאַל „אימפּעריאַל", רוג זאַכאָדניע און זשוואַדזקאַ. 883

זאַל פילהאַרמאָניע, נאַרוטאָוויטשא 20

נאַכמיטאָג פון די לייבלינגס-געסט אויס אַמעריקע
אננא און היימאַן יאַקובאָוויטש

היינט, זונטאָג, דעם 11-טען אויגוסט, 9 א זייגער אין אָוונט פּרעמיערע!
דער גרעסטער שלאַגער פון די אַמעריקאַנער טעאַטערס

וואָס מיידלעך דאַרפען וויסען

לעבענס-בילד אין 3 אַקטען מיט געזאַנג און טענץ פון סיגאַל, רעזשיסירט דורך הײַמאַן יאַקובאָוויטש. הויפּט-ראָלען: „ראָוז"—אננא יאַקובאָוויטש; „ישראל הערץ"—היימאַן יאַקובאָוויטש. אין דער פּיעסע ווערען געזונגען די שענסטע געזאַנגס-נומערן, וואָס אין לאָדז נאָך נישט געזונגען געוואָרען.

מאָנטאָג, ד 12-טען, 9 אָוונט גרויסע פּאָפּולערע פאָרשט. פון 80 גר. ביז 2.50
חנה'טשע אין אַמעריקע
מיט געזאַנג און טענץ אין 4 אַקט. פון ראַקאָוו.
הויפּט-ראָלע „חנה'טשע"—אננא יאַקובאָוויטש, וועלכע איז אַנערקענט געוואָרען אין אַמעריקא אלס די איינציגע חנה'טשע.

ס'נעמען אַנטייל די נייע אַנגאַזשירטע אַרטיסטען פון ריגע אסתר זעלינא און ישראל בירנבוים ווי אויך פּרויען: באַומאַן, מאַכאָראָוסקא, פאַדערמאַן. מענער: גריעל, אייזענבערג, באַלאַבאַנסקי, האַמבורגער, מאַלאַראָווסקי, נייהויז, פּאָליאַנסקי, צווייליך. מוזיקאַלישע לייטונג: ל. וועלמאַן. רעזשיסאָר: א. בעזמאַן. טאַנץ-לייטער: מאַכאַראָווסקי.

בילעטען אויף אַלע פאָרשטעלונגען צו בעקומען אין פילהאַרמאָניע-קאַסע.
אכטונג! אין פאַרבערייטונג מאַלעסטינער ליבע. מאַלי-ראַלי.

שפּייזע-פעטס ווערט אונטער דער שטרענגער השגחה פון הרב ר' שמחה פרענקל (סקאַווינא) אויסגעאַרבייט און קען מיט א רוהיגען געוויסען בענוצט ווערען אפילו למהדרין מן המהדרין.
א דאַנק דעם גרויסען קוואַליטעט איז „צערעס" שפּייזע-פעטס ביי אַלע ווירטינס בעליעבט.
פערלאַנגט נאָר אויסדריקליך „צערעס" מיט דער הכשר-חתימה און וואַרפט צוריק סינדערוואַרטיגע אונבעקאַנטע פעטסן
SATURNIA S.A. WARSZAWA

אבל כבד ומספד תמרורים!

מיר זענען מודיע אלע חסידים און גוטע פריינד פון אונזער רבי ז"ל הה"ב רבי ר' משה'לע פון מאָגעלניצע בן הה"ג רבי יעקב יצחק מבענדאָוו זצ"ל נכד הה"צ ר' חיים מאיר יחיאל ממאָגעלניצע זצ"ל נכד הה"צ רב מגרעניץ, חתנא דבי נשיאה הה"ג המגיד הקדוש מקאָזעניץ ער האָט געוואוינט אין לאָדז דאַלנע 12, וואָס איז נפטר געוואָרען אין מאָגעלניצע און נישט יעדער האָט געהאַט די זכיה איהם מיטצוטיילען דעם לעצטען כבוד און נישט יעדער האָט געהאַט די מעגליכקייט צו זיין ביי איהם אויף דער לויה ע"כ האָבען מיר צוליב די שלושים איינגעאָרדענט א הספד אין די ראַדאָגאָשטשער שוהל זשגערזשא 4 ווי דאָרט וועט איהם מספּיד זיין הדרשן הגדול הרב ר' משה יוסף דאַנציגער יום א' פּרשת תבא בשעה 6 בדיוק געדענקט און קומט וועט זיין אזוי גוט אוי מיר האָלטען איהם מלוה געווען זי"ע ועכי"א. 880

פלייש-אַרבייטער

פאָדערען א הוספה פון 25 פּראָצענט.

נעכטען איז פאָרגעקומען אַן'אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון די אַרבייטער אין די שחט הייזער. ס'איז בעשלאָסען געוואָרען צוליב דעם יקרות און צוליב די יו"ט, וואָס קומען איצט אָן, אַרויסצושטעלען א הוספה-פאָדערונג פון 25 פּראָצענט.

מ'רעכענט, אַז צו קיין קאָנפליקט וועט נישט קומען און די פאָדערונג וועט ערלעדיגט ווערען.

פערזענליכעס.

נעכטען איז צוריקגעקומען פון אויסלאַנד, נאָך 5 וואָכען אָפּוועזענהייט, דער פיהרער פון דער „אגודה", דעפּ. ל. מינצבערג.

פאַבריקעל

פון פאַלשע 50-גראָשענעס.

(–) די לאָדזער פּאָליציי האָט ענטדעקט אין דער וואוינונג פון א געוויסען יענקל יאַנאַש (גאַלעמביע 4) א „פאַבריקעל" פון פאַלשע 50-גראָשען-מטבעות.

דאָס „פאַבריקעל" איז געווען גאַנץ פּרימיטיוו איינגעאָרדנעט, אַז אין דער וואוינונג איז געווען א קעסעל, ביי וועלכען מ'האָט זיך גענוצט פון א קוועטש, און ס'האָט זיך געפונען א וואַרשטאַט, אויף וועלכען די מטבעות זענען אויסגעאַרבייט געוואָרען.

יאַנאַש איז אַרעסטירט.

Dr. med. **R. Bornstein**
אינערליכע און נערווען-קראַנקהייטען
טראַוגוטא (קרוטקאַ) 9, טעל. 25-06
נעהמט אָן פון 7–8 אָוו. 888

די וואהל-הכנות צום שטאט-ראט

ספעציעלע זיצונג פון שטאט-ראט.

(ט) היינטיגען דאנערשטאג, דעם 15, ה. ח., קומט פאר א ספעציעלע זיצונג פון לאדזשער שטאט-ראט.

אויף דער טאג-ארדנונג געפינט זיך די פראגע פון איבערלייגען די פער-ארדנונג פון דער וואיעוואדזשאפט וועגען אויפלעזען דעם שטאט-ראט.

די לינקע פראקציעס אין שטאט-ראט האבען בעשלאסען נישט אנטיילצונעה-מען אין דער זיצונג פון שטאט-ראט, וואס ווערט צוזאמענגערופען אויף דאנערשטאג.

רעכטמעל - דריי יודישע וואהל-קאמיטעטען.

( ) ביז איצט האבען זיך שוין אין לאדז געבילדעט 14 וואהל-קאמיטעטען, צווישען זיי, די יודישע: „בונד", „פועלי-ציון" און „בלאק פון די ווירט-שאפטליכע ארגאניזאציעס".

די ערשטע צוויי האבען שוין די וואהל-קאמפאניע אנגעהויבען נאך מיט 2 וואכען צוריק.

דער יודישער ווירטשאפטליכער בלאק ארדענט היינט איין זיין ערשטען מי-טינג אין ענגלישען זאל.

פון דער הויפט-וואהל קאמיסיע

(–) די דאנערשטאג'דיגע זיצונג פון דער הויפט-וואהל-קאמיסיע האט גע-דויערט ביז 4 א זייגער פארטאג, ס'איז פעסטגעשטעלט געווארען דער צוזאַ-מענשטעל פון אלע קרייז-וואהל-קאמיס-יעס. די קאמיסיעס בעשטעהען פון א פארזיצענדען, א פערטרעטער פון יע-דער וואהל-ליסטע, און צו 5 מיטגלי-דער, וועלכע ווערען אויסגעוועהלט דורך דער הויפט-קאמיסיע (2, לויט'ן פארשלאג פון דער קאמיסיע, 2 פון מאגיסטראט און 1 פון דער וואיע-וואדזשאפט).

די מיטגלידער פון די קאמיסיעס וועלען פאר זייער ארבייט בעקומען בעצאהלט און וועלען זיין טעטיג 10 טאג.

די מיטגלידער פון די קאמיסיעס הויבען אן צו זיין טעטיג, ווען די וואהלער-ליסטעס וועלען אויסגעלעגט ווערען צום קאנטראלירען אין פערלויף פון 6 טאג. נאכדעם וועט מען אין פערלויף פון 3 טעג קענען איינגעבען רעקלאמאציעס. א חוץ די דאזיגע 9 טאג, וועלען די מיטגלידער פון די קאמיסיעס זיין בעשעפטיגט דעם 10 טאג אינ'ם טאג פון די וואהלען גופא.

פאר די מיטגלידער פון די דאזיגע קאמיסיעס וועט איינגעארדענט ווערען א ספעציעלע אינפארמאציאנס-פערזאמ-לונג, אויף וועלכער דער הויפט-וואהל-קאמיסאר, ריכטער זאבאראווסקי וועט געבען אויפקלערונגען וועגען זייערע פליכטען און בעקענען זיי מיט'ן רע-גולאמין.

די מיטגלידער אין די קרייז-קאמיסיעס.

(ב) נעכטען האט דער וואהל-רעגי-רענט קאנטראלירט די ליסטע פון די מיטגלידער אין די קרייז-קאמיסיעס. דעם 15 וועט אפגעקומען א פערזאמלונג פון אלע מיטגלידער פון די קרייז-קא-מיסיעס, וואו זיי וועלען דערהאלטען די נאמינאציעס, אינסטרוקציעס און מאטעריאלען.

דעם 16 וועלען די ליסטעס אויסגע-לייגט ווערען פאר די וועהלער צום קאנטראלירען און די קרייז-קאמיסיעס וועלען אנהויבען זייער טעטיגקייט.

ערשטער עקזעמפליאר פון דער וועהלער-ליסטע.

(ב) היינט ווערט פערענדיגט דער ערשטער עקזעמפליאר פון דער וועה-לער-ליסטע, וואס איז אויסגעארבייט געווארען פאר 6 טעג. היינט נאך וועט די רשימה קאנטראלירט ווערען, און נאכדעם וועלען געמאכט ווערען נאך 2 קאפיעס. איין רשימה וועט זיך געפינען אין מאגיסטראט און 2 אין די קרייז-וואהל-קאמיסיעס.

מ'אגיטירט מיט קינא-בילדער.

(:) די פ. פ. ס. האבען געבראכט א קינא-פילם, וועלכער שטעלט פאר די שטעטישע ווירטשאפט פון דער שטאט ווילנא, וואו די סאציאליסטען האבען א מעהרהייט. דאס בילד זאל דעמאנס-טרירט ווערען אין א רייהע לאדזשער קי-נאס. אן אייגענעם פילם גרייט צו אויך דער לאדזשער מאגיסטראט.

אהן „אנ'עזרת נשים"...

(ב) ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט, האט דער מאגיסטראט געפלאנט איינ-צופיהרען צוויי בעזונדערע אורנעס פאר פרויען און מענער, כדי צו קענען אדורכפיהרען א סטאטיסטיק. דער הויפט-וואהל קאמיטעט האט בעטראכט דעם פארשלאג און איהם אפגעווארפען, ווייל אינ'ם דעקרעט פון די וואהלען זענען נישט פאראויסגעזעהען קיין צוויי אור-נעס, און דאס איינפיהרען פון זיי וואלט געקענט זיין א סיבה צו קוועסטיאנירען די גילטיגקייט פון די וואהלען.

קאמוניסטען געהען בעזונדער.

(ב) נאכ'ן איבעררייסען די אונטער-האנדלונגען וועגען אנ'אלגעמיין-סאצ-יאליסטישען בלאק אין לאדז, האבען די אונאפהענגיגע סאציאליסטען, לינקע פ.פ.ס. און די קאמוניסטען נאך גע-פיהרט אונטערהאנדלונגען וועגען אנ'-אייגהייטליכער ליסטע.

איצט זענען די דאזיגע אונטערהאנד-לונגען איבערגעריסען געווארען און די אלע פארטייען וועלען גיהען צו די וואהלען זעלבסטשטענדיג.

דער העלנער-פעראיין פאר „פועלי-ציון".

טאריגען דאנערשטאג איז פארגעקו-מען אן אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער יודישער אפטיילונג פון קעלנער-פעראיין. ס'איז בעשלאסען געווארען ביי די וואהלען צום שטאט-ראט צו שטימען פאר „פועלי-ציון".

ס'איז אויסגעוועהלט געווארען א וואהל-קאמיטעט און ס'איז אויך געזא-מעלט געווארען א גרעסערע סומע פאר'ן וואהל-פאנד פון „פועלי-ציון".

אויך אין לאדז א פערפלייצונג?

די „לודקא" גיסט-אויס.

(–) די לעצטע טעג האבען די איינ-וואוינער פון כוינע בעמערקט, אז די „לודקא", וועלכע ווערט גערופען „דער שווארצער טייך", ווערט העכער. אפ-שטאט ווי פריהער האט דער טייך אנ-געהאלטען א מעטער די הויך, געהט די הויך איצט איבער 2 מעטער און פארנעמט גאנצע שטיקער פעלד.

דער הילצערנער בריק, וועלכע גע-פינט זיך אין כוינע איבער דער „לוד-קע", דראהט א געפאהר אונטערגע-שווענקט צו ווערען און די דארטיגע איינוואוינער לעבען אין שרעק.

צוליב 25 פראצענט הוספה

דראהען פלוש-וועבער מיט א שטרייק.

(ב) פאריגע וואך האבען די לאדזשער פלוש-וועבער ארויסגעשטעלט פאדערונ-גען וועגען אנ'הוספה פון 25 פראצענט.

צוליב דעם, וואס די פאבריקאנטען ווילען די געפאדערטע הוספה נישט נאכגעבען, האט דער טעקסטיל-קלאסען-פאראיין זיך געווענדעט צו די פאברי-קאנטען מיט א בריף, אין וועלכען עס ווערט מיטגעטיילט, אז אויב די פאדע-רונגען וועלען נישט נאכגעגעבען ווע-רען, וועט אויסברעכען א שטרייק פון די פלוש-וועבער.

ער דערשיסט א יונגעל,

ווייל ער האט פיינט מ'זאל אראפנעהמען די פירות פון זיינע ביימער.

(–) טאמאשאוו איז אויפגערודערט געווארען פון א שרעקליכען פערברע-כען, וועלכען ס'איז בעגאנגען דער לי-טער פונ'ם ארטיגען פינאנץ-אמט און פרעזעס פון „סאקאל" ווינצענטי די-באווסקי.

ווינצענטי דוכאווסקי האט לעצטענס בעדינגען פאר זיך א סאד. פלעגען ווייס-סע-חברה'ניקעס, ווי דער שטייגער איז, רייסען אויבס אין דער פון ווינצענטי פלעגט זיך ארומיאגען מיט די שקצים.

פאריגען פרייטאג האבען שקצים'לעך ווידער גענריסען אויבס, האט זיי דו-כאווסקי נאכגעיאגט און אויסגעשאסען פון א רעוואלווער.

א קויל האט געטראפען דעם 17-יעה-ריגען סטאניסלאוו דאמבראווסקי, וועל-כער איז שטערבליך פערוואונדעט גע-ווארען.

דוכאווסקי איז ארעסטירט.

אראפגעפאלען א 3 יעהריג קינד.

(ב) אויף אלעקסאנדער גאס 16 איז אראפגעפאלען פון 2-טען שטאק דאס 3-יעהריגע מיידעלע פונ'ם סטרויש קאשובא.

ביים קינד איז בעשעדיגט געווארען דער מוח און א שווערען צושטאנד איז דאס קינד אפגעפיהרט געווארען אין שפיטאל.

דער פאטער פונ'ם קינד, וועלכער איז צופעליג געווען אויפ'ן הויף און געזעהן, ווי זיין קינד איז אראפגעפא-לען, איז געפאלען אין חלשות.

ראדיא.

היינטיגער פראגראם.

וו א ר ש א.

12.00 – קאמוניקאטען.
1.45 – פארלעזונג וועגען לאנדווירט-שאפט.
2.10 – „ „ „
2.35 – „ „ „
3.00 – מעטעראלאגישער קאמוניקאט.
3.05 – פארלעזונג וועגען לאנדווירט-שאפט.
5.00 – מעשה'לעך פאר קינדער.
5 35 – נאכמיטאג-קאנצערט.
6 35 – קאמוניקאטען פון פאסט.
6,55 – פערשידענעס.
7,10 – פרויען אין קאמף פאר פוי-לענס אומאפהענגיגקייט – פארלעזונג פון פראפ. מאשטש-צקי.
7,35 – איינדרוקען פון יוגאסלאוויען.
8 30 – אווענט-קאנצערט.
10.00 – טראנסמיסיע פון איטאקלוב אין ווארשא. פערטיילונג פון די פרייזען.
10.30 – לופט-פליט- מעטעראלאגי-שער קאמוניקאט, צייט - סיגנאל, קאמו-ניקאטען פון פ.ט"א, פאליציי-קאמוניקאט.

אין די אפטייקען.

היינטיגע נאכט - דיזשורען.

(ב) היינט דיזשורירען פאלגענדע אפטייקען: ליפיעץ (פעטריקאווער 193); מילער (פעטריקאווער 46); גראשקאווסקי (קאנסטאנטינער 15); גערטנער (ציגעל-גאס 64); ניעווידזשאווסקי (אלעקסאנדער-גאס 37); יאנקיעלע-וויטש (אלטער מארק 9).

אין לאדז ווערט איצט געפיהרט א זאמעל-אקציע לטובת דער ישיבה תורת חיים פונ'ם בריסקער רב ר' חיים סאלאווייטשיק ז"ל. אין צוזאמענהאנג מיט דעם ווערט דער בעקאנטער מטיף הרב אושעל שור פון ווארשא האלטען 6 אין אווענד א דרשה אין דער סינאגאגע „סני" (גלובנא 62).

היינט האב איך אפרעהליך לעבען, ווייל RADION וואשט מיר אליין.

פריילין קאשא מאנדראלסקא געניסט פון לעבען, פערמאטערט זיך נישט מיט'ן וואשען, ווייל Radion פערטיגט אויס פאר איהר די גאנצע ארבייט.

RADION
וואשט אליין!

אויפלעזען RADION אין קאלט וואסער, אריינלעגען די איינגע-נעצטע וועש אין דער אויפלעזונג און קאכען 20 מינוט, דערנאך זארג-פעלטיג שווענקען. די וועש ווערט ריין און שניי-ווייס.

דאס רייבען און בערשטען איז אנ'איבעריגע מיהה –
מאכט צושאנדען די וועש און די הענד, און
דאס קען מען אזוי לייכט פערמיידען!

דער אידעאלער זעלבסט-וואשענדער מיטעל
RADION
שפארט די וועש.

שטראף:

פאר פערשפעטיגען אויף די פארבילדונגס-קורסען.

(ט) דאס שול קוראטאריום האט זיך געווענדעט מיט א צירקוליאר צו די לייטערינען פון די פארבילדונגס-קורסען פאר דערוואקסענע, אז אין אלע פאלען, ווען די שילער קומען נישט רעגולער אויף די קורסען און ס'ווערט דערווי-זען, אז דאס איז צוליב דער שולד פונ'ם מייסטער, זאלען די פראצענט אי-בערגעגעבען ווערען דעם ארבייטס-אינס-פעקטאר, וועלכער וועט בעשטראפען די שולדיגע.

אנ'אויסוואורף

פערגוואלטיגט קינדער.

(–) די לאדזשער פאליציי האט ארעס-טירט דעם 54-יעהריגען ארבייטער מאר-טין ווינקעל (וואלטשאנסקא 259), וועל-כער האט אין משך פון די לעצטע טעג פערגוואלטיגט די 16-יעהריגע גענאוועפא און-א ברויל די 4 יעהריגע מאנישא ק.

געגען דעם אויסוואורף ווערט פער-פיהרט א פראצעס.

א גרויסע גנבה.

(:) נעכטען, ווען דער איינוואוינער פון דער נייער זארזשעווסקא 46, איג-נאצי מאראווסקי איז אהיימגעקומען צו זיך אין שטוב, האט ער געטראפען די טירען אפען און געלד בעמערקט, אז אין שטוב איז פארגעקומען א גנבה.

ס'האט זיך ארויסגעוויזען, אז די גנבים האבען אויסגעבראכען די שלע-סער און ארויסגעגנב'עט ווערט-חפצים און ציהרונג אויף דעם אלגעמיינעם ווערט פון 10 000 זלאטעס.

די פאליציי האט געלד אונטערנע-נומען אנ'ענערגישע אויספארשונגס-אקציע מיט'ן צוועק צו כאפען די גנבים.

בעפאלען און צושלאגען.

(–) יחיאל ווייסליץ (זגיערזשער 21) איז אויפ'ן באלוטער פלאץ בעפאלען געווארען דורך כוליגאנעס, וועלכע האבען איהם מערדעריליך צושלאגען.

דעם פערוואונדעטען האט ערשטע הילף „ליגת הצדק".

15-טע מלוכה-לאטעריע

5-טע קלאס 27-טער טאג.

5 000 זל. נומער 10806.
3.000 – 91587 98299.
2 000 – 696 13140 30755 36131 47254 85224.
1 000 – 1742 9482 49227 61916 84873 89713 90372 93976.
600 – 836 4562 5549 10536 22124 26273 32696 37085 56568 68213 73403 75274 85943.
500 – 286 2362 6208 10194 35545 41148 45115 49848 56299 58131 67167 85324 88029 99087 101929.

28-טער טאג.

5.000 – 44704.
3.000 – 26159 35678
2.000 – 119 53868 73277 102837.
1 000 – 3252 13663 26562 32835 38060 55457 56126 65781 68164 72073 85569 100238
600 – 3030 31197 41445 45616 50319 64783 73871 78799 96119 97116 99382
500 – 5231 20927 21385 27024 27025 31921 32208 41315 43589 50445 50475 54162 55048 59459 76180 57403 79412 79680 89593 98558 102144 104203.

ווי אזוי לעבען די מיליאָנערען פֿון ניו-יאָרק.

פֿרום און פֿרום געפֿינען זיך איצט אין אַמעריקאַ 15 טויזענד מיליאָנערען. זיי זענען צעוואָרפֿען איבער׳ן גאַנצען לאַנד, אין פֿאַרשידענע גרעסערע און קלענערע שטעדט; און פֿון די 15 טויזענד וואוינען איצט גאַנצע 4 טויזענד אין ניו-יאָרק, פֿון די 4 טויזענד וואוינען אודאי 3 טויזענד, אויף פּאַרק-עוועניו.

און ניט נאָר די מיליאָנערען, וועלכע האָבען געשעפֿטען אין ניו-יאָרק, וואוינען אויף פּאַרק-עוועניו, עס זענען אויך פֿערהאַן אַזעלכע מיליאָנערען, וועלכע האָבען גאָר געשעפֿטען אין אַנדערע שטעט — אין שיקאַגאָ, אין קליוולאַנד, אין דעטרויט, אין פּיטסבורג — און אַנדערשטוועגען האַלטען זיי אָן רייכע וואוינונגען אויף פּאַרק-עוועניו בלויז צוליב בעקוועמליכקייט, ווייל עס טרעפֿט, אַז אין פֿערלויף פֿון יאָהר קומען זיי אָהער צו פֿאָהרען אויף אַ פּאָר וואָכען, און ווילען, אַז אַפֿילו אין אַזאַ קורצער צייט זאָלען זיי זיך פֿילען ווי אין דער היים.

עס איז געווען אַמאָל אַ צייט, ווען יעדער מיליאָנער האָט געפֿינען פֿאַר נויטיג צו האָבען אַן אייגענעם פּאַלאַץ ערגיץ אויף דער פֿיפֿטער עוועניו.

איצט איז דאָס אַרויס פֿון דער מאָדע. אַ סך מיליאָנערען פֿערקויפֿען דאָרט זייערע פּאַלאַצען און ווערען „נעבעך" שכנים, און דינגען זיך אַ וואוינונג אויף פּאַרק עוועניו.

דאָרטען, אין רייכע און בעקוועמע אַפּאַרטאַמענט-הייזער, וואָס מאַכען נישט קיין גאָר אויסערגעוועהנליכען איינדרוק, וואוינען מענשען, וועלכע וואָלטען מיט זייער געלד געקאָנט אָפּקויפֿען אַ האַלבע וועלט, אויב נישט מעהר.

אָט, זענען צימערן, וואָס רעדען פֿאַר זיך אַליין, און גיבען אַ בעגריף וועגען דער אומגעהויער גרויסער רייכקייט דאָרט.

אַ „בעקוועמע" וואוינונג פֿאַר אַ פֿאַמיליע קאָסט דאָרטען פֿון צוואַנציג ביז 100 טויזענד דאָלאַר אַ יאָהר.

דער בערימטער יודישער קינאָ-מאַגנאַט אַדאָלף צוקער האַלט דאָרטען אַן אַפּאַרטאַמענט פֿון נײַן צימערן, און יעדער צימער קאָסט איהם פֿיר טויזענד דאָלאַר אַ יאָהר. דאָס הייסט, פֿרום און פֿרום קאָסט איהם די וואוינונג 36 טויזענד דאָלאַר אַ יאָהר.

די ביליגסטע וואוינונג אויף פּאַרק עוועניו קאָסט נישט ווייניגער, ווי טויזענד דאָלאַר אַ יאָהר פֿאַר יעדען צימער.

דאָס מעבעל, די טייערע בילדער און די אַנטיקען, וואָס געפֿינען זיך אין יענע וואוינונגען, — פֿון דעם 34-טער ביז דער 96-טער סטריט, אויף פּאַרק עוועניו — בעטרעפֿען מעהר ווי 58 מיליאָן דאָלאַר, דאָס הייסט, אַז אין דורכשניט האָט יעדע פֿאַמיליע ביי זיך אין הויז טייערע זאַכען און אַנטיקען, וואָס בעטרעפֿען נישט ווייניגער ווי 15 טויזענד דאָלאַר.

עס פֿערשטעהט זיך, אַז זענען פֿערהאַן אַזעלכע פֿאַמיליעס, וואָס האָבען ביי זיך אין הויז בילדער און אַנטיקען וואָס בעטרעפֿען אַ סך מעהר, ווי די אָנגעגעבענע סומע. אָבער אין דורכשניט קומט אויס 55 טויזענד דאָלאַר אַ פֿאַמיליע.

אויף עסען אַליין גיט די עוועניו אויס 32 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָהר, און דאָס הייסט אַכט טויזענד אויף אַ פֿאַמיליע.

אויף צירונג גיט די עוועניו אויס 20 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָהר.

אויף אויטאָמאָבילען און גאַראַזשען — זעכציג מיליאָן דאָלאַר אַ יאָהר.

אויף פֿוטער און פּערפֿיום — אַכט מיליאָן דאָלאַר אַ יאָהר.

אויף יאַכט-שיפֿען — 7 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָהר.

אויף טעאַטערס און קאַבאַרעטען — 5 מיליאָן אַ יאָהר.

אויף בלומען, שאָקאָלאַד און אַנדערע נאַשעריי'ען, — 50 מיליאָנען דאָלאַר אַ יאָהר.

די דאָזיגע ציפֿערען זענען נישט אויסגעזויגען פֿון פֿינגער. זיי זענען צונויפֿגעשטעלט געוואָרען פֿון דער „פּאַרק עוועניו בעזעלשאַפֿט", וואו די מערסטע איינוואוינער פֿון יענער ריי-כער גאַס זענען מיטגלידער און די מענשען, וועלכע האָבען דערקלערט, אַז זיי האָבען נישט געוואָלט אַריינפֿאַלען אין קיין גוזמאות, און זיי האָבען געמאַכט דעם חשבון אַזוי, אַז יעדע הוצאה זאָל קענען בעטראַכט ווערען ווי בלויז אַנ׳ערך; אָבער אין דער אמת׳ן, זאָגען זיי, קען מען צוגעבען נאָך 25 פּראָצענט.

און נאָך אַ זאַך:

מען האָט אויסגערעכענט, אַז אויף ווייַן און בראָנפֿען גיט פּאַרק עוועניו אויס אומגעפֿער 15 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָהר, און דאָס קומט אויס נישט ווע-ניקער, ווי אַ פֿיר טויזענד דאָלאַר אַ יאָהר אויף יעדער פֿאַמיליע.

אונטער איין דאַך, אין אַנ׳אַפּאַרטאַ-מענט-הויז אויף פּאַרק-עוועניו קען מען געפֿינען זעכציג מיליאָנערען, וועלכע קאָנען מיט זייער געלט אָפּקויפֿען אַ גאַנץ היבשען טייל פֿון ניו-יאָרק, אָדער גאָר אַ גאַנצע מדינה אין אייראָפּע.

צווישען זיי, די מיליאָנערען, וועלכע וואוינען איצט אויף פּאַרק עוועניו, געפֿינט זיך אַ גאַנץ היבש ביסעל אַזעל-כע, וואָס יעדער איינער פֿון זיי פֿער-מאָגט איבער הונדערט מיליאָן דאָלאַר.

עס איז שווער זיך פֿאָרצושטעלען, ווי גרויס עס זענען די אוצרות אויף פּאַרק עוועניו. אין גאַס וואָרפֿט זיך דאָס נישט אַזוי שטאַרק אין די אויגען, מען זעהט בלויז אַ שיינע גאַס, וואָס זעהט אויס ווי אַ בולוואַר. מען זעהט בלויז גרויסע, רייכע הייזער, וואָס זע-נען מאַסיוו געבויט. מען זעהט בלויז דאָ און דאָרט אַ גוּווערנאַנטקע, וואָס שפּאַצירט מיט אַ קינד. קיין אויסער-געוועהנליכעס זעהט מען דאָרט נישט. עס איז שטיל, עס איז ריין און ציכ-טיג אַרום און אַרום, און אין דער שטיל-קייט אָטעמט די מאַכט פֿון מיליאָנען און ביליאָנען, מיט וועלכע מען קען אָפּקויפֿען אַ וועלט.

דאָס איז געווען בעוואוסט דאַן, ווען מען דינגט אַ וואוינונג. מען קען דאָר-טען אָבער אויך קויפֿען אַ וואוינונג. דאָס הייסט, נישט דאָס גאַנצע הויז, וואָס איז צעהן און פֿופֿציג שטאָק די הויך, נאָר בלויז איין אַפּאַרטאַמענט. דאָס קען מען טון אין די אַזוי-גערופֿע-נע „קאָאָפּעראַטיווע הייזער", וואו מי-ליאָנערען וואוינען איצט אויף פּאַרק עוועניו, און דאָרטען זענען שוין די פּרייזען גאָר אַנדערע.

קויפֿען אין אַ „קאָאָפּעראַטיוו-הויז" אַ וואוינונג אויף פּאַרק עוועניו קאָסט אין דורכשניט נישט ווייניגער ווי 7 טויזענד מיט פֿינף הונדערט דאָלאַר אַ יאָהר פֿאַר איין צימער. און דאָס מיינט, אַז אַ וואוינונג פֿאַר אַ פֿאַמיליע קאָסט אין דורכשניט נישט ווייניגער ווי 65 טויזענט דאָלאַר אַ יאָהר.

די רייכסטע און וואונדערליכסטע וואוינונג אויף פּאַרק עוועניו ווערט אויפֿגעהאַלטען פֿון אַנ׳אַלמן בחור, אַ מיליאָנער; דער אַפּאַרטאַמענט געפֿינט זיך אויפ׳ן אויבערשטען שטאָק.

וועגען יענער וואוינונג דערצעהלט מען זיך אָן נסים ונפֿלאות.

איינע פֿון די גאָר גרויסע הוצאות איז דעקאָרירען די וואוינונג. דאָס קאָסט נישט מעהר און נישט ווייניגער ווי הונדערט טויזענד דאָלאַר. און ווען איינער קאָן נישט אויסגעבען אַזאַ סומע אויף דעקאָרירען זיין וואוינונג, איז ער נישט קיין גוואַלדיגער שכן אויף פּאַרק עוועניו.

די קונסט בילדער, וואָס הענגען אויף די ווענט זענען גישט אָפּצושאַצען. די מעהרסטע פֿון זיי זענען אָריגינאַלען, וואָס מען האָט געקויפֿט אין אַ סך טיי-לען פֿון דער וועלט פֿאַר זייער שווע-רע געלטער. עס געפֿינען זיך אויך דאָרטען אַזעלכע אַנטיקען, וואָס מען קען אין ערגעץ נישט געפֿינען, און יעדער אַנטיק ווערט געשאַצט אין די שווערע טויזענטער.

און אָט זענען ווידער ציפֿערן, וואָס דער בעריהמטער עקאָנאָמיסט סטיוּאַרט טשייס בריינגט אין זיין אַרטיקעל — ציפֿערן, וואָס רעדען פֿאַר זיך אַליין:

פֿון דער 84-טער סטריט ביז דער 96-טער סטריט — אַ ווייטקייט פֿון קנאַפּע דריי אַמעריקאַנער מיילען-וואוינען אויף פּאַרק עוועניו אַנ׳ערך 6 טויזענד מענשען, אָדער 4 טויזענד פֿאַמיליעס אומגעפֿעהר.

מען האָט אויסגערעכענט, אַז אין יאָהר צייט גיבען די פֿיר טויזענד פֿאַ-מיליעס אויס אויף „לעבענס-מיטעל" נישט ווייניגער ווי 280 דאָלאַר, אָדער — זיבעציג טויזענד דאָלאַר אַ פֿאַמיליע.

מען האָט אויך אויסגערעכנט, אַז די פֿרויען פֿון די פֿיר טויזענד פֿאַמי-ליעס גיבען אויס אויף קליידער 85 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָהר. דאָס הייסט, אַז יעדע פֿאַמיליע גיט אויס בלויז אויף פֿרויען-קליידער אַליין נישט-ווייניגער ווי 21 טויזענט דאָלאַר אַ יאָהר.

אויף מענער-קליידער גיבען אויס יענע פֿיר טויזענט פֿאַמיליעס אַנ׳ערך פֿון 18 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָהר, און דאָס הייסט, פֿיר טויזענד מיט פֿינף הונדערט דאָלאַר אַ יאָהר אויף יעדער פֿאַמיליע.

יורידישע עצות.

6152. ל—סקי 31.

אויף אַרויסצוגעבען קאָנצעסיעס צו האַנדלען מיט ציימונגען איז בערופֿען דער מאַגיסטראַט, אָהן אַ פּאַטענט האָט די קאָנצעסיע נישט קיין ווערט.

6153. אַנ׳איבערגעגעבענער לעזער פֿון וואַכאָדניא.

ס׳איז אַ פֿראַגע צו איהר ווילט דער-לאַנגען אַנ׳אָנקלאַגע וועגען מבטל מאַ-כען דעם דושאַל צוליב דעם, וואָס מען האָט אייך בע׳עולה׳ט אָדער צוליב דעם וואָס ס׳איז אויסגעמיטען געוואָרען אין דושאַל די בריטשקע. אין ערשטען פֿאַל קאָנט איהר אַזאַ אָנקלאַגע דערלאַנגען און דאָס פֿראָצעס געוויגען, ווען אייך וועט געלונגען אויסצואווייזען, אַז מען האָט אייך בע׳עולה׳ט מעהר, ווי אויף אַ פֿירטעל טייל ירושה. אין צווייטען פֿאַל האָט איהר נאָר אַ גרונד צו פֿער-לאַנגען, אַז דער עקט דושאַלאָווי זאָל ערגענצט ווערען אָבער נישט מבטל ווערען.

6154. M. F. J.

6155. אַ לעזער פֿון בערקא יאָסעלע-וויטש.

6156. ה. גאָלדמאַן.

6157. אַ לעזער פֿון ראַקאָציגער.

וועגען אייערע ענינים מוזט איהר זיך פֿערזענליך פֿערשטענדיגען מיט אונ-זער יוריסט אין רעדאַקציע טעגליך פֿון 3 ביז 4 נאָכמיטאָג, מיטבריינגענדיג די ציימונג.

6158. אַ שטענדיגער לעזער פֿון 1902.

איהר דאַרפֿט זיך ווענדען אין דער פּ. ק. או. וועגען אַנ׳ערלויבניש אויף אַנ׳אויסלענדישען פּאַס. פֿעררופֿענדיג זיך אויף בעגרינדעטע מאָטיווען וועט מען אייך אַזאַ ערלויבניש אָהן שווע-ריגקייטען אַרויסגעבען.

6159. ג. ג—ק.

אין דעם צושטאַנד קאָנט איהר גאָר לייגען אַנ׳אַרעסט אויפ׳ן בעוועגליכען אייגענטום פֿון בעל חוב אַפֿילו אויך אויף די טיש אָבער נאָר אין דעם פֿאַל, אויב זיי געפֿינען זיך נישט אין וואַסער. געפֿינען זיי זיך אין וואַסער איז דאָס שוין אַנ׳אומבעוועגליך אייגענטום. מ׳קאָן אויך דעמאָל לייגען אויף זיי אַנ׳אַרעסט, אין אורטייל איז אָבער שוין דאַן דאָס נישט דערמאָנט ווערען.

אין פֿלאַמען פֿון ליבע און האַס

(107

(ראָמאַן).

— דערווייל ווייס איך נישט-האָט „געענטפֿערט קורלאַנד — פֿון אַזאַ מענשען, ווי דער קאַרל דרייוויץ קאָן מען זיך אַלץ דערוואַרטען.

— אויב ער האָט ליב יהודית׳ן, וועט ער דאָך נישט וועלען זי אומבריינגען.

— וועגען איהר האָב איך טאַקי קיין מורא נישט.

— האָט איהר מורא וועגען פֿערעלען, הייסט עס? איך וויל אָבער טיילען מיט איהר די סכנה.

קורלאַנד האָט אַ טרייסעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ.

— אויך איהר וועט האָבען אייער חלק צרות.. . האָט׳ס קיין מורא נישט!.. דערווייל אָבער הור איך איבער נאָך אַ מאָל, בעגרוים מיר פֿולשטענדיג, און פֿאָלגט זיך מיר!

קורלאַנד האָט זיך אָפּגעזאָגט זיין און זיך געווענדעט צו יהודית׳ן:

— אַלזאָ, פֿריילין אידאַ, ס׳איז שוין צייט אַהיים צו געהן! איך וועל אייך בעגלייטען! און איהר ליבע פֿרוי — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו דער פֿרוי לוריע — איהר דאַרפֿט געדענקען, אַז עס האָט זיך גאָרנישט געענדערט ביי אייך. אַז איהר האָט זיך נישט געזעהן מיט דער פֿריילין אידאַ, און אַז זי איז נאָך אַלץ דורך אייך פֿערשאָלטען און פֿערשטויסען! נאָר אויפֿמערקזאַם! נאָר מיושב׳דיג!

— צו וועל איך נאָך לאַנג אַזוי מוזען שפּילען די פֿרויערי-גע ראָליע? וועט איהר מיר נישט גיך צוריקקעהרען איין טאָכ-טער?

קורלאַנד האָט צוגעלעגט אַ פֿינגער צום שטערען און אויס געבראָכען מיט אַ בענייסטערטער מינע:

— נישט לאַנג... איך בין איבערצייגט, אַז שוין נישט לאַנג!

קאַפּיטעל 3.

קראַנקע ליבע.

גרעגואַר דרייוויץ האָט זיך געפֿיהלט וואָס ווייטער אַלץ ערגער, ווייל די פֿיל שווערע איבערלעבונגען פֿון דער לעצ-טער צייט האָבען אינגאַנצען אויסגעשעפּט — זיינע שוואַכע כוחות.

ער האָט אָבער נישט פֿערלוירען די האָפֿענונג צו ראַטע-ווען דעם אומגליקליכען קרבן פֿון זיין פֿערברעכערישען ברודערס ליבע.

און די צייט איז נישט געשטאַנען אויף איין אָרט; די מלחמה איז מיט אַ בלוטיגען אימפּעט ווייטער געגאַנגען איהר ווילדען, שרעקליכען וועג.

דער טערמין פֿון אויספֿיהרען דעם טויט-אורטייל איבער לוריען האָט זיך שטאַרק דערנעהענטערט...

— צי וועט טאַקע דער דאָזיגער לוריע בעצאָהלען מיט זיין לעבען פֿאַר מיין פֿערברעכען?

קאַרל דרייוויץ האָט וועגען דעם געטראַכט מיט אומרוה, פֿערשטעהט זיך, נישט דערפֿאַר ווייל ס׳איז איהם איינגעפֿאַלען חרטה צו האָבען, אָדער צוליב רחמנות אויף דעם פֿער׳משפּט׳ען. פֿער-קעהרט, ער האָט זיך נאָר מיט דעם געדאַנק געטרייסט, אַז מיט לוריע׳ס טויט וועט דער ענין בעגראָבען ווערען אויף אייביג.

אויך יהודית מיט פֿערעלען האָט מיט גרויס אומרוה גע-ציילט די אָוועקגעהענדיגע טעג, און מערי לוריע האָט אַלץ אָפֿטער געגאָסען טרעהרען...

קורלאַנד האָט זיך פֿון זיין זייט, אויסגעוויזען לפֿנים צו זיין רוהיג.

די ערשטע צייט האָט ער זיך אָפֿט געזעהן מיט די ביידע שוועסטער, אָבער פֿלוצים האָט ער איבערגעריסען זיינע וויזיטען.

ער האָט זיך פֿערשלאָסען, אַוועקגעזאָגט, אין זיין שטוב, און פֿלעגט אַרויסגעהן דאָס רוב נאָך דערפֿאַר, כדי צוצוקוקען זיך צו די מאַנעווערען פֿון דעם רוסישען מיליטער. ער פֿלעגט קיינעם נישט אָפּשטעלען, און מיט קיינעם נישט פֿערפֿיהרען קיין שמו-עסען.

די זייטיגע מענשען האָבען אויף איהם געקוקט מיט נייגעריגקייט, און מ׳האָט געהאַלטען, אַז דאָס מוז זיין אַ משוגענער אָדער גלאַט עפּיס אַ מאָדנע מענשעל, אַ חוש.

גרעגואַר דרייוויץ האָט זיך דערווייל פֿון טאָג-צו-טאָג גע-פֿיהלט אַלץ ערגער. ער האָט זיך אָבער אָפּשטאַרבענדיג מיט יע-דער רגע געפֿיהלט גליקליך, ווייל — ער האָט ליב געהאַט. ער האָט נישט געזושאַלעוועט, וואָס ער נעהמט אוועק פֿון לעבען, פֿונם לעבען, וואָס האָט איהם בעהאַנדעלט, ווי אַ פֿערשטויסען שטיף-קינד. ערשט פֿערעלעס שמייכעל האָט אויף איהם אַ לויכט-אויף געטאָן; דעם פֿיגסטערען לעבענס-וועג זיינעם שוין ביי׳ם מאַכען אַ סך הכל...

ווען נישט דער געדאַנק מכוח לוריע׳ן וואָס האָט איהם געפּייניגט זיין געוויסען, וואָלט ער אויסגעלאָשען געוואָרען מיט אַ געפֿיהל פֿון היילגער פֿרייד.

דעריבער טאַקי האָט אויך ער געציילט מיט אַ האַרץ-קלאַפּען די לעצטע טעג, וואָס זענען פֿערבליבען לוריען צו לע-בען אויף דער וועלט.

— איך אַ שותף צו דעם פֿערברעכען! — האָט ער צו זיך פֿערצווייפֿעלט בע׳טענה׳ט — איך בין אין דעם פֿערברעכען פּונקט אַזוי בעטייליגט, ווי מיין ברודער. אויך לוריע וועט אומקומען, היעט צוליב פֿאַלען אויף מיר פּונקט, ווי אויף מיין ברודער... ניין, ניין! איך קאָן נישט שטאַרבען מיט אַזאַ געדאַנק!..

(פֿאָרטזעצונג קומט)

SPLENDID

20 נאַרוטאָוויטשאַ 20.

היינט גרויסע פּרעמיערע! עווענעמענט פון סעזאָן!

דאָס נײַעסטע פילם-מײַסטערווערק אין דער אויספירונג פון אַמעריקאַנישע אַרטיסטען א. נ.:

דער ראָמאַנס פון א פערפיהרטער

מיטרײַסענדע דראַמע פון דער פּראָדוקציע 1927/28. טראַגישע איבערלעבונגען פון א מאָנאַסטערזשין, וועמען מ'האָט ערצויגען אויף א מאָנאַך און ...

... אין די הויפּט-ראָלען די אומפערגלײַכליכע און רײַצענדע ... ווי אויך דער שעהנער און פרעכטיגער

LYA DE PUTTI | **Ben Lyon**

מוזיקאַלישע אילוסטראַציעס אונטער דער לײַטונג פון ה' א. טשודנאָווסקי.

פון 1,30 ביז 3 אַזייגער נאָכמיטאָג זענען די פּרײַזען פון אַלע פּלעצער 50 גראָשען און 1 זל.

די מאָדערנסטע

ראַמפּען

פאַר שפּײַז-צימערן און קאַבינעטען

קויפט זיך צומעסטען צו פאַבריקס-פרײַזען נור בײַ

א. י. אײַזנער, פּאָלודניאָוואַ 25

באַמערקונג: ס'ווערען אויך אָנגענומען אַלערלײַ איבער-אַרבײַטונגען פון גאַז אויף עלעקטריע, ווי אויך אָקסעדירט.

השבת אבדה.

פרײַטאָג, דעם 9/9 ד. י. האָב איך פערלוירען אין דער טקוה אויף וויסכאָדניאַ 4, א בײַטעל מיט פאָלגענדע זאַכען: 1) א וועקסעל אויף 90 זל. אויסשטעלער שאַטאַן, צאַהלבאַר אין דאָברא; 2) א קוויטונג פון עקספּעדיציאָנס-הויז ברוין, קאַמיענאַ 2; 3) א אינקאַסע-קוויט פון דער קלײַנהענדלער-באַנק, אַנגראַראָוואַ 10; 4) א אינקאַסע-קוויט פון דער דעפּאָזיטען-באַנק, פּעטריק. 5 און נאָך פּעפּירען. דאָס אַלעס ווערט ערקלערט פאַר אונגילטיג.

דער ערליכער פינדער ווערט געבעטען געגען בעלוינונג אָבצוגעבען צו הערשענבערג, נאָוואָמיעסקאַ 24.

אַכטונג! אין מײַן פרישקאָסיגער אַכטונג! ... ווערען אָנגענומען זאַמט-ליכע פעלץ-אויסאַר-בײַטונגען פון אײַגענער און אָנפערטרויטער וואַרען צו בילינגע פרײַזען. גוטע בעדינגונגען.

מ. שאַלים, פּעטריקאָווער 33

דאַנטיסט פון צאָהנטעכניס

י. ביטענסקי

5 קאָנסטאַנטינער 5

נעהמט אָן אַלע טאָג פון 9 פריה ביז 8 אָווענד. ...

בעקאַנטמאַכונג.

איך האָב צו פערקויפען

געבאַכענע פערפעל

פון די בעסטע מעהלען צו צוגענגליכע פּרײַזען צו ערפאַהרען וואָלבאָרסקאַ 19. אין דער בעקערײַ 399

לעטשניצע פון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטען

און ערצטליך-דענטיסטישער קאַבינעט

זגיערסקאַ 17, טעל. 16-33.

ד"ר ראַפּאָפּאָרט	נאָז, האַלז, אויערן קר.	11-10 5-2 ½1-6½
ד"ר רוזשאַנסקי	הויט- און געשלעכט-קר.	11-10 2-1
ד"ר גאָלדשטײַן-פּאָלאַק	אויגען-קראַנקהייטען	2-1
ד"ר יוסטמאַן	נערווען-קראַנקהייטען	2-12
ד"ר ראָזענצווייג	קינדער-קראַנקהייטען	12-10 5-4
ד"ר פּאַפּירני	פרויען- און געבורטס-הילף	1-11½ 6-5
ד"ר קאַנטאָר	כירורגישע-קראַנקהייטען	5-4 און 2-1
ד"ר ווײַנבערג	אינערע הערץ לונגען-קר.	1-11 ½5-7
ד"ר סטופּעל	רענטגען	12-2 6-4
א. גראָדזענסקי	צאָהן-אַרצט	7-3
נ. ראָזעס	צאָהן-אַרצט	2-9

צאָהן-בעהאַנדלונג, בעלייכטונגען, קראַנקען, פּאָסטען, א. אַ. וו.

בײַ דער לעטשניצע איז געעפענט געוואָרען

רענטגען-אינסטיטוט

אַבטיילונג פון הויט-קראַנקהייטען מיט קוואַרץ (סאָלוקס) מיט רענטגענשטראַהלען, פאַר בעשטראַהלונג און דורכלײַכטונג, קוואַרץ-לאַמפּע, דיאַטערמיע, לעקטריזאַציע, פּלאַ... אַנאַליזען. א קורס פאַר ...

אָנמעלדונגען געגען שאַלטער (טעלעפאָן) פון 4—5 נאָכמ.

די לעטשניצע איז אויך אָפען זונטאָג.

וויזיט אין ד"ר שטאַט.

לעזט אויפמערקזאַם!

נאָך א פולשטענדיגער רעאָרגאַניזאַציע פון מײַן ווערקשטעל, צוזאַמען מיט די נ' קינדערשטיט פון אײַגענער אויסאַרבײַטונג א

א גרויסע אויסוואַהל

געבעטע שטיהל

געדרעכט מיט לעדער, גאָבעלין, מאַראָקאָ, זײַד, ווי אויך גאָבעלין און זײַד-

סאָזשעטעס, מאַטראַצען

פון פערשידענע ... און טישלער (אויזאַם) באַנדאַלקעס

אשׂאַטאַנען אַלעס לויט פערשידענע מאָדעלען פון עלטערע מאָקען האָלץ

לאַנגטערמיניגע גאַראַנטיע. לאַנגטערמיניגע גאַראַנטיע.

צוגענגליכע פּרײַזען און בעסטע בעדינגונגען.

בעפאָר איהר קויפט, בעט איך אונבעדינגט צוצושטייגען מיך צו בעזוכען און זיך איבערצייגען.

מיט אַכטונג

י. א. וואַיטשעכאָווסקי,

10 נאָוואָמיעסקאַ 10

פאַבריק איבעראַל

נור פאַטענטירטע

פעדער-בעטען

פערזעהן מיט דער פאַבריקס-מאַרקע

PALMA-PATENT

פאַר העלטע מיר גאַראַנטירען.

... ניקעל-בעטען, קינדער-בעטען, ... קינדער-טעשלעך, שעזלאָנגען און געבעטע מאַטראַצען.

בילינסטע פּרײַזען: רעטאַלשע בעצאַהלונג! בילינסטע פּרײַזען!

לאָדז, פּולנאַצנאַ 24.

עלטערן!

פאַר 3 זלאָטעס א וואָך ווערט געלערנט מיט קינ-דער וואָס לערנען אין פאָלקס-שולען: חומש, רש"י נ"ך משניות, גמרא יהדות היסטאָריע, רעדען און שרײַבען העברע-איש און יודישע בריות זעלבסט צוזאַמענשטעלען דורכ'ן בעקאַנטען אָרטאָדאָקסישען העברעאישען לעהרער י. ד. ראַ-זענפעלד, פּלאַץ וואָלנאָשטשי 6 קווער אָפּ. רעכטס 2 שט. בעט. ס'ווערען אויך אָנגענומען אָבענדגער פון 5 יאָהר און א שטרענג רעליגיעזע ערציהונג! ערפאָלג גאַראַנטירט!

Dr. med.

M. Kerszner

קינדער-קראַנקהייטען.

זיעלאָנאַ 16 טעל. 51-96

נעמט אָן פון 3 — 4 און פון 6—7. אין דער לעטשניצע ברזשעזשינער 11 פון 9—12 מיטאָג און פון 4—5 נאָכמיטאָג.

אין דער נײַע ערעפענטע

דרוקערײַ

ה. יאַסקאָוויטש פּאָלודניאָוואַ 2

ווערט אויסגעפערטיגט אַלע סאָרט דרוקערײַ-אַרבייט ווי: אַפּישען, אויפרופען, קאָפּערטען, בריף-בויגען, קלעפּסידרעס א. ז. וו.

באַמערקונג: 12 וויזיט-קאַרטען נאָר 1 זל.

מיט א פּרעמיע א סטעמפּעל מיט זיין נאָמען אומזיסט. 812

337 **Dr. med.**

Maksymiljan Lewitter

אַקושעריע און פרויען-קראַנקהייטען.

זיעלאָנאַ 8 טעל. 37-25

צוריקגעקעהרט.

נעהמט אָן פון 5—8 אָווענד.

טליתים-פאַבריק

אויסגעצייכענטע פון וואָלענע, האַלב-וואָלענע זײַדענע טליתים צום פערקויפען, ווי אויך טליתים-קאַנטען דורך און דעטאַלי מיט אויספער-טיגונג, אויך גאַרטלען, שטענדער און ציצית צו בעקומען בילינער ווי איבעראַל

בײַ א. ה. ציעשינאָווסקי, קאַמיענאַ 1.

און צהרים מויער פערמער. קומט און איבערצייגט אייך! 832
באַמערקונג: ס'ווערען אויך אָנגענומען אַלטע טליתים צו וואַשען.

Dr. med.

STUPEL

Szkolna 12

ספּעציאַליסט פאַר הויט, מאַגען און אינערליכע קראַנקהייטען, אינגערישע רענטגען-שטראַהלען און קוואַרץ-לאַמפּ, עלעקטראָ-טעראַפּיע.

נעמט אָן פון 6—9 אין אָוונט

צאָהן-אַרצט LEKARZ-DENTYSTA

St. GELBERG

זאַכאָדניאַ 15, טעל. 31-08

מאַכט געבען פערנאַכלעסיגטע ציינער און מונד-קראַנקהייטען. צאָהן-ציהונג אָהן שמערצען, פּלאָמבען, לויט בעשטראַהלונג, ספּעציעל פאַר ... און קונסטליכע ציינער. נעהמט אָן פון 9—12 און פון 3—7 אָווענט. בילינע פּרײַזען. 1461

א בענזין-מאָטאָר

6 4 Z פערדע קראַפט, א הייכמעטאַל - דרעהבאַנק, א פּאַראַלעל - שרויבשטאָק, 60 קילאָ שווער צו פערשידענע ווערקצייג איז בילינג צו פער-קויפען. אַלעקסאַנדראָווסקאַ 31 (אין דער שלאָסערײַ) 800

קאָנצערט-דירעקציע אַלפרעד שטרויך. טעלעפאָן 13-84.

זאַל פילהאַרמאָניע.

מיטוואָך, דעם 14 טען סעפּטעמבער 1927

נור 1 קאָנצערט

פון דעם ליריש-דראַמאַטישען טענאָר

סערגעי

ראַדאַמסקי

בײַם קלאַוויר: דירעקטאָר **Teodor RYDER**

פּראָגראַם: אַלט-איטאַליענישע מאָדערנע שפּאַנישע לידער און רוסישע פון ראַכמאַנינאָוו, גרעטשאַנינאָוו, מוסאָרגסקי. אַריעס פון די אָפּערעס: דעמאָן, ריגאָלעטאָ, טאָסקאַ, קאַרמען, אַנדרע שעניער, קאַוואַליר די ספּקיב, טוראַנדאָט מענאָן און פיל אַנדערע רוסישע פאָלקס-לידער.

אײַנטריטס-קאַרטען זענען שוין צו בעקומען אין קאַסע פון פילהאַרמאָניע-זאַל. 867

פאַבריק פון

זשיראַנדאָלען

ווי אויך גאַלוואַנישע

בראָנזיר-אַנשטאַלט

מ. לידער, לאָדז

צעגעלניאַנאַ 33, טעל. 53-41

נעהמט אָן אַלערלײַ געגענשטאַנדע צו איבערניקלען, פערזילבערן, ניקלען, בראָנזירען און אָקסידירען. עס ווערען אויסגעפיהרט אַלערלײַ רעפּאַראַטורען פון פערשידענע מע-טאַלענע און זילבערנע געגענ-שטענדע. פּינקטליכע אויספיהרונג.

גוט און בילינג מיט א גאַראַנטיע פאַר דויערהאַפטיגקייט. 743

לעטשניצע "VITA"

פאַר קומענדע קראַנקע פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען אויף פּעטריקאָווער 45, טעל. 47-44.

בײַ דער לעטשניצע באַקטעריאָלאָגישע לאַבאָראַטאָריום אויף דער שטעל, קאַבינעט פון פיזיקאַלישע טעראַפּיע, קוואַרץ-לאָמפּ, בערגזון, לאָמפּ „אולטראַ זון", סאָלוקס, בערגאָנטי'ס ענטפּעטונגס-אַפּאַראַט. עלעקטריזאַציע, ליכט-בעדער. דענ-טיסטיש - ערצטליכער קאַבינעט. ערצטליך קאָסמעטישער קאַבינעט. בעראַטונגס-שטעלע פאַר מוטערס.

אינערליכע קראַנקהייטען:	כירורגישע קראַנקהייטען:
ד"ר מ. דאַווידאָוויטש	ד"ר מ. דאַבולעוויטש
ד"ר י. איטעלסאָן	ד"ר מ. קאַנטאָר
ד"ר ה. קרישעק	ד"ר ע. קוניג
ד"ר א. אורימאָן	פרויען-קראַנקהייטען און אַקושעריע:
קינדער-קראַנקהייטען:	ד"ר ק. ערדמאַן
ד"ר י. קאַפּלאַנסקי	ד"ר א. פּאַנאַשעווסקי
ד"ר יוזעף כהן	ד"ר ד. רײַטלער-קוריאַנסקאַ
ד"ר סאָמעט-מאַנדעלס	ד"ר י. שווייצער
הויט-, וועגערישע און געשלעכטס-קראַנקהייטען:	האַלז-, נאָז-, אויערן, שטימע, שפּראַך-שטערונגען א. ז. וו.
ד"ר ע. עקערט	ד"ר א. מאַזור
ד"ר ו. כ. אַגונאָווסקי	האַלז-, נאָז- און אויערן-קראַנקהייטען:
נערווען-קראַנקהייטען:	ד"ר א. זשעבראָווסקי
ד"ר מ. אורבאַך	
אויגען-קראַנקהייטען:	
ד"ר איגנ. מאַרגאָלים	

טויל-און ציינער-קראַנקהייטען. — ערצטען-דענטיסטען:

כ. נעצאָו — פערסטער-לייזעראָוויטש

ה. האַלפּערין — פ. ראָזען

באַקטעריאָלאָגיש-לאַבאָראַטאָריום ד"ר ושורקאָווסקי.

רענטגען. היילונג פון שפּראַך-שטערונגען, שטימע, שטאַמלען א. אַ. וו. דיאַטערמיע. הייל-מאַסאַזש. אימפונגען געגען שקאַרלאַטין. אָפּעראַציעס און אָפּאַטורנקעס. וויזיטען אין שטאָט. בריקען, גאָלדענע קאָראָנען און קונסטליכע ציינער. — די לעטשניצע איז אָפען פון 9 פריה ביז 8 אָוו. און זונטאָג פון 9 ביז 2 נאָכמיטאָג.

בעקאַנטמאַכונג.

די געזעלשאַפט צו פערשפּרייטען מלאכה צווישען פרויען **„Praca"**

אין לאָדז, וואָלטשאַנסקאַ 21.

דערמיט מאַכען מיר בעקאַנט, אז עס ווערען אָנגענומען אײַנשרײַבונגען אויף 1) צושנײַדען און נײַהען פון קלײַדער ווי אויך פון קינדער-קאָנפעקציע. 2) װײַסע און קאָלירטע שטיקערײַ ווי אויך ערגליכע האַנד-אַרבײַטען. 3) הוט-פוצערײַ: קאַפּעלושען, פאַנטאַ-זיע-טאָרעבקעס און אָבאַזשורען. 4) מאַניקור. דער סעקרעטאַריאַט נעהמט אָן אײַנשרײַבונגען און ערטיילט אינפאָרמאַציעס פון 10-12 פ.

KUMEROL

— איז — שפּייזע-פּעטס פון קאַקאָס-
גאַראַנטירט, — נים. —

עס ווערט אויסגעאַרבייט אונטער דער אויפזיכט
פון הרב ר' שמואל עהרענפעלד פון מאַטערסבורג
מיט אַ הכשר פון הרב ר' אברהם צבי פערלמוטער פון "אַרשאַ.

871

בעפאָר איהר גיהט קויפען מעבעל, בעט איך אנצוזוכען מײַן

מעבעל-אויסשטעלונג

וסכאַדניאַ 66, טעלעפ. 34-25 צוייי

L. Salomonowicz

ווײַל ביי מיר קען מען קויפען קאָמפּלעט-אײַנריכטונגען און פּראַליינס-צימערן, ווי אויך איינצעלנע מעבעל-שטיק צו מעסיגע פּרײַזען אויף גוטע בעדינגונגען. פּינקטליכע און רעעלע אויסאַרבייטונג.

שטיהל געבעטע

פערשידענע מאָסטער פון געבעלין, ווי אויך גוט לעדער און מאַראָקאָ-צעראַסע שטעהלס אויף לאַגער אין אַ גרויסען אויסוואַהל

ווי אויך **טאַפּעציר-געגענשטענדע**

האָלטעהעם די נייאַסטע מאָסטער, מאַטראַצען אין 3 טיילען. אויך בעקומט מען ביי מיר סאַלאָן-גאַרניטורען, אויף זײַד-פּאָטעליהעס, ווי אויך גאַנדאָלקעס, קאָווע טישלעך, רונדע טישלעך, פעלד-בעטען מיט סאָרגעוושינעס. אויך שטיהל צום פּאָלסטערן פאַר טאַפּעצירער פערשידענע מאָסטער פון בעסטען אויסגעאַרבייטען האָלץ

בעקומט איהר נאָר ביי — **ג. לעווקאָוויטש, פּאָלנאָצנאַ 5**

מעבעל | קויפט נישט קיין | מעבעל

מעבעל

בעפאָר איהר איבערצייגט אייך נישט אין מײַן

מעבעל-געשעפט 44

גדאַנסקאַ (דלוגאַ) 44 — טעלעפאָן 62-56

Ch. ŁAZNIK

נור ביי מיר קענט איהר מעבעל שעהן גוט בעקומען פערשידענע און ביליג.
בעמערקונג: אויך קויף איך פערשידענע מעבעל, ריזאַנעס, פּעלצען, ניי-מאַשינען, סאַמאָוואַרען, אַנציגער א.אז.וו. איך צאָהל די העכסטע פרײַזען. קומט און איבערצייגט אײַך.

אכטונג הה' פריזערס!

מיין פּערפומעריע-געשעפט איז פערזעהען מיט אַ גרויסען אויסוואַהל פון פערשידענע קעלנישע און בלומען-וואַסערן צום פרייז פון 4 זל. אַקילאָ, וועשוואַסער 3 זל., פּיקסין—7.80, ווי אויך אַלערליי פריזירער-צובעהערס צו קאָנקורענץ-פּרייזען

J. Drukier מיט אַלמונג

11 ZAWADZKA 11

קומט און איהר וועט זיך איבערצייגען!

Dr. med.

H. Lajchter

קאָנסטאַנטינער 9.
ווינקל זאַכאַדניע טעל. 49-66

צאָהן-כירורג

ספּעצ. פון כירורגישע קראַנקהייטען ווי: שטשענקעס, גומען, דושאַנקעס, צאָהן-מיסטולעס א.ז.וו. נעמט אָן פון 1½—5 און זונטאָג פון 9—11.

Dr. H. WOŁKOWYSKI

צוריקגעקעהרט.
זאַכאַדניאַ 57 (צענטער 19.)
טעלעפאָן 37-70.

ספּעציעל-אַרצט פאַר הויט-און ווענערישע קראַנקהייטען, מענער-שוואַכע, בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-שטראַהלען.
נעהמט אָן פון 4—8 אין אָוונד. פאַר פרויען פון 4—5 אין אַ ספּעציעלען ווארטע-זאַל. 603

צאָהן אַנטיקע-

קליידער-שענק

געלעגענהייטליך צו פערקויפען. צו בעזיכטיגען טעגליך צווישען 3—4 נאָכמ. נאַרוטאָ-וויטשאַ (דזשעלנאַ) 22, פראָנט, 2. שטאָק, רעכטע טיר.

מחזורים

25 פּראָצ. ביליגער אין איינצעלנער ספרים-סקלאַד

א. מ. גרובשטיין, וואַכאַדניאַ 54

איז צו בעקומען אַלע אַרט מחזורים, ווי אויך די וועלט-בעריהמטע „רב פנינים" מחזורים און מחזורים מיט פּוילישע איבערזעצונג, געבונדען אין זאַמעט און לעדער. ס'איז אויך צו בעקומען די מאַשען-מחזורים „עבודת הקודש" אין אַ לוקסוס-אויסגאַבע. אַ גרויסער אויסוואַהל פון ש"ס, טורים, רמב"ם, חומשים, פּסוקים, משניות, מדרשים און סידורים; ספּעצ. כלה-סידורים אין קונסט-באַנד; טלתים, גאַרטלען, קאַפּלען, ציצית, מזוזות, קינדער-גמרות. ספּעציעלע מתנות פאַר פעטרונגען. פאַר חדר-קינדער ספּעציעלער ראַבאַט! געדענקט דעם אַדרעס!

א. מ. גרובשטיין, וואַכאַדניאַ 54

(פראָנט, 1-טער שטאָק)

רענטגעניצע פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען

בזשעזשינער 11, טעל. 37-63

אָפען פון 9 פרי ביז 7 אָוונד

ד"ר וואָלינסקי	גאַל, האַלז, אויערן-נאָז	4—5
ד"ר מאַרשאַק	[illegible]	9 [illegible] 5—6
ד"ר שיפּמאַן	אינערליכע קראַנקה.	11—1
ד"ר רובינשטיין	הויט-און וענערישע קר.	2—12
ד"ר שמירגעלד	נערווען און גייסטיגע קר.	1—3
ד"ר גאָלדבלאַט	אויגען-קראַנקהייטען	12.30—1
ד"ר קליאַפּבערג	כירורגישע קראַנקה.	1 —
ד"ר צערנאַ	פרויען און געבורטס-הילף	4—3

פאָטאָ-מעטריק, שפּ. רענטגען-דיאַגנאָזען פון שטאַפּלען א. ז. וו. [illegible] קונסטליכע בערג-זון-אַפּאַראַטען [illegible] דיאַטערמיע — אין לאַבאָראַטאָריום [illegible] אַלע אַרט אַנאַליזען [illegible] פלעגמע און בלוט. 2120

אימפּונגען געגען שאַרלאַך!

[illegible]

ד"ר זילבערשפּין	צאָהן-אַרצט	10—2 נ.מ.
ד"ר לאַזשינסקאַ ספּאַראַפּאַלסקאַ	צאָהן-אַרצט	7—5

קינסטליכע ציינער, [illegible]
די רענטגעניצע איז אויך [illegible]

LEKARZ-DENTYSTA צאָהן-אַרצט

JACÓB KARMAZYN

2 פּאָלודניאָווע 2

צוריקגעקעהרט

אין עמפּאָנגס פערזענליך

529

Lusirzany połysk

Urbin

דאָס ראַדיקאַל ווירקענדע

פּולווער

געגען קאַראַלוכעס, וואַנצען, פלעהי, פליגען א.ז.וו. צו בעקומען אין פאַרבען-געשעפט פון

KOSEL i S-ka

ŁÓDŹ PRZEJAZD 8. Filia PIOTRKOWSKA 98.

856

אַן אוצר פאַר עלטערן

זענען געזונטע און פריילעכע קינדער!

היגיענישער פּודער

„DODO"

איז דאָס ווירקזאַמסטע מיטעל געגען אַלע אָפּבריהען און פערוויטען זיך פון קינדער-לייב, אונפערמײַדלעך ביי ראַציאָנעלע קינדער-פלעגע.
דערביי טוען אַלע מוטערס נוצען נאָר „DODO"
אויסאַרבייטונג פון קאָסמעטישען לאַבאָראַטאָריום

„MIXTA" w ŁODZI

פּרייז 50 גר. אַ שאַכטעל.
בעקומען זיך אין אַלע אַפּטייקען, דראָגעריעס און פּערפומעריעס

אַ לאַדען מיט 2 אויבּיקאַציעס

אין הויף אויף דער נאָוואָמיעסקאַ צווישען פּרייהייטס-פּלאַץ און פּאָלודניאָווע איז אָפּצוגעבען.
אָפּערטען אונטער „לאַדען" אָפּצוגעבען אין אַדמ. פון דער צײַטונג.

T-WO SZERZENIE OŚWIATY i WIEDZY TECHNICZNEJ WŚRÓD ŻYDÓW

w Łodzi, ul. Pomorska 46/48, tel. 664 719

Szkoła Przemysłowa

מעכאַנישע, עלעקטראָ-טעכנישע און וועבערײַ

8-io kl. Gimnazjum Humanistyczne Męskie

עקזאַמענס לויט לעהציע-סיסטעם.

אײַנשרייבונגען פון קאַנדידאַטען ווערען אָנגענומען טעגליך אין דער קאַנצעלאַריע פון 9 ביז 2 נאָכמ.

די מוסטערהאַפטע שולע פאַר יודישע אינטעליגענץ פון נאָוואָמיעסקאַ-געגענד!

Dla dzieci **żyd. inteligencji** północnej dzielnicy miasta.

7-kl. SZKOŁA KACENELSON-NACHUMOW
ul.nad Łódką Nr .6
przy **Nowomiejskiej.**

שילער און שילערינס פון 6—14 יאָהר ווערען אָנגענומען אין די שולע-קלאַסען.
50% ביליגער
אין די נאָכמיטאָג-שולע פאַר אונבעמיטעלטע.
פּויליש
איז די אונטעררכטס-שפּראַך פון אַלע למודים.
העברעאיש
און אַלע למודי-קודש ווערט געלערנט גרינדליך

7 קלאַסיגע **שולע** — פון — קאַצנעלזאָן-נאַחומאָוו
נאַד לודקאַ 6 נייע גאַס
ביי נאָוואָמיעסקאַ.

אונטער דער פערזענליכער הנהלה און השגחה פון ר' **בנימין יעקב קאַצנעלזאָן** ווערט געעפנט ספּעציעל פאַר קנאַבען פון בעסערע אָרטאָדאָקסישע עלטערן (פון 4—14 יאָהר)

א רעליגיעזער חדר (נאָכמיטאָג פון 4—7)

מיט דעם חדר-פּראָגראַם פון אַלע למודי-קודש: חומש רש"י, תנ"ך, פסוק, גמרא.

ד' אלול 1927 1/9—אָנפאַנג פון די לעקציעס. אַלע שילער און שילערינס מוזען קומען אין שולע.
אײַנשרייבונגען פון 11—2 און פון 4—7. מיטברענגען אַ מעטריקע און אַ פּאָקען-שיין פון קינד.

Freblówka nowoczesna ◆ מאָדערנע פרעבעלשולע

פאַר קינדער פון 3-6 יאָהר.

פּויליש אונטעררכטס-שפּראַך אין דער 1-טער גרופּע. העברעאיש — אין דער 2-טער גרופּע. מוזיק, ריטמישע גימנאַסטיק, ריטמישע טענץ, האַנדאַרבייטען, גוטע אויפזיכט, ענטוויקלונג און בעסטע ערציהונג.
50% ביליגער איז די נאָכמיטאָג פרעבעלשולען פון 2—6 פאַר אונבעמיטעלטע אָדער שוואַכע קינדער.

אַנאָנסען-פּרייז: [illegible] 10 גראָשען, [illegible] 20 גראָשען, אין טעקסט 40 גר., [illegible] 10 גראָשען, פּרימע 15 גראָשען. — [illegible] 100 פּראָצענט מעהרער. [illegible] 25 פּראָצענט מעהרער.

אַבאָנעמענטס-פּרייז: [illegible] — 5 זלאָטעס, — אויף דער פּראָווינץ [illegible] 6 זלאָטעס, [illegible] ביז 50 פּראָצענט מעהרער. [illegible]

Wydawnictwo „Hajnt Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg.
Czcionkami i druk. „Hajnt Folksblat", Piotrkowska 21.
Redaktor odpowiedzialny Ch. Kö[illegible]